THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
CANADA

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over Canada And Abroad

א קענעדער אידישע צייטונג פאר אלע קלאסען אידען.

VOLUME IV No 2309 Toronto Thursday January 30 1919 כט שבט פרשה משפטים תרע"ט דאנערשטאג, דער 30-טער יאנ. 1919 PRICE TWO CENTS

A. S. Freidus to The New York Public Library 476 Fifth Ave

גענעראל סטרייק פיבער פארכאפט גאנץ ענגלאנד

סטרייק קאמיטע נעהמט זיך די מאכט פון סאוויעטען רעגירונג

צאהל פון סטרייקער פארגרעסערט זעהר פיעל. — סטרייק לאגע פארארזאכט א חורבן איבער'ן גאנצען לאנד — סטרייקער פיהרען זיך זעהר רוהיג.

לאנדאן, יאנואר, 29.

דער בעלפעסט קארעספאנדענט פון'ם „מאנטשעסטער גארדיען" מעלדעט, דאס די סטרייק קאמיטע פון בעלפעסט האט זיך פארנומען גאר א גרויסע מאכט און האט געגען דעם ווילען פון די רעגירונגס בעאמטע זיך גענומען די מאכט פון אינדאסטריעלער סאוויעטען רעגירונג, די סטרייק קאמיטע פארהיט פון רייאטען.

נאך צעהנדליגער טויזענטער סטרייקער אנגעשלאסען

לאנדאן, יאנואר, 29.

היינטיגען טאג איז דער גענעראל סטרייק פון ענגלאנד און אירלאנד פיעל געוואקסען. אין דער פריה האט מען ערווארטעט אז ביז אוונט צייט זאל ניט איבערבלייבען קיין איינציג פאך וואס זאל ניט זיין בארירט פון'ם סטרייק.

אין גלאזגאו זענען צוגעשטאנען נאך דרייסיג טויזענט ארבייטער און צוזאמען סטרייקען שוין איצט ביז 70 טויזענט ארבייטער. אלע געשעפטען [illegible] זענען אין גאנצען אפגעשטעלט. צוזאמען נעהמענדיג אלע טיילען פון לאנד סטרייקען איצט ביז א פערטעל מיליאן ארבייטער.

די שיפבויאונג אינדוסטריע איז אין גאנצען אפגעשטעלט. די ארבייט אין קוילען מינען און אנדערע מינען איז אויך פארקריפעלט געווארען.

אין מאנטשעסטער האבען א טייל האפען ארבייטער זיך אומגעקעהרט צו דער ארבייט דורך א שטיקעל סעטעלמענט.

רייאטען אין בעלפעסט

בעלפעסט, יאנואר 29.

אין די ניט באלויכטענע גאסען זענען פארגעקומען גרויסע רייאטען. פיעלע שויבען זענען צובראכען געווארען, און סחורות צוראבירט געווארען. דורכ'ן גאנצען טאג האבען זיך ניט געזעהען קיין איינציגע סמנים פון פארבעסערונג.

א פראצעסיע פון ארום צוואנציג טויזענט ארבייטער האבען פאראדירט איבער די גאסען טראגענדיג אויפשריפטען און פיעלע רעדען זענען געהאלטען געווארען נעבען סיטי האל. די פאליציי האט אפילו געמאכט א פארזוך צו שטערען די מיטינגען אבער דער עולם האט זיי צוטריבען.

די רעגירונג'ס באאמטע האבען געפועלט ביי דער סטרייק קאמיטע צו לא[illegible] צו צושטעלען עלעקטריציטעט צום פאסט אפיס און צו די טעלעגראפען, אבער די קאמיטע ווארענט דאס אין פאל אנדערע מענשען וועלען דאס נוצען וועלען די ארבייטער פארלאזען די פלעצער.

די סטרייק פיהרער זוכען צו פאראייניגען אלע סטרייקער אונטער איין פיהרערשאפט.



פרינץ מאקס פאן באדען

ווין, יאנואר, 29.

אינפארמאציעס וואס זענען ערהאלטען געווארען צום „נייעס זשורנאל" מעלדען:

דער געוועזענער דייטשער קאנצלער מאקס פאן באדען וועט נאמינירט ווערען פון די סאציאלדעמאקראטען און פון די דייטשע דעמאקראטען אלס זייער קאנדידאט פאר פרעזידענט פון דער דייטשער רעפובליק.

אמסקער רעגירונג האנדעלט פארזיכטיג

אמסק, סיביר, יאנואר, 29.

דער פארשלאג וועגען א קאנפערענץ צווישען אלע רוסישע פראקציעס וועט פון דער אמסקער רעגירונג איבערגעגעבען ווערען צו די פארשידענע גרופען אין דער סיבירישער רעגירונג אויף צו באטראכטען, דערוויל האלט זי זיך צוריק פון ארויסגעבען אירגענד וועלכע ערקלעהרונג און אנאנסירט דאס דער קאמף געגען די באלשעוויקעס זאל ניט אפגעשוואכט ווערען.

פארשלאג האט אפגעשוואכט דיסציפלין.

ערהאלטענדיג דעם פארשלאג פון פאריז האט דאס אביסעל אפגעשוואכט די דיסציפלין צווישען די סאלדאטען.

טערקישער קאבינעט האט רעזיגנירט

סאלאניקי יאנואר, 29.

א האלב - אפיציעלע ערקלעהרונג לויטעט, דאס צוליעב דעם, וואס די אלייאירטע האבען ארויסגעגעבען א פאדערונג אומצוקעהרען דאס אנגערויבטע פארמעגען פון די באפעלקערונגען וואס די דייטשען און טערקען האבען גענאהט פארגומען, האט דער טערקישער קאבינעט אונטער דער פיהרערשאפט פון טופיק פאשא, רעזיגנירט.

עס ווערט באהויפטעט, דאס, דער סולטאן האט זיך אליין באטייליגט אינ'ם צוזאמענשטעלען א נייעם קאבינעט.

מארגען איז ראש חודש אדר

פאנגט אן אין א גוטען טאג. וועט אייך זיין מזל'דיג. מארגען איז ראש חודש אדר ראשון. דאס הייסט אז ביז פסח איז נאך פארהאנען ארום צעהן וואכען. איהר קאנט נאך אפשפארען היפש עטליכע דאלאר ביז יענער צייט אויב איהר וועט אייך גאר גוט נעהמען דערצו. קומט אריין און עפענט אן אקאונט ביי מר. ה. וויינבערג **Banker** בלויז מיט איין דאלאר. איהר באקומט דאן א שעהנע נוטע סייף אהיים אויף אריינצווארפען אייערע פענים און ניקעלס, דאס וועט אייך העלפען שפארען. קומט זיכער.

צפון רוסישע רעגירונג וויזט צוריק פארשלאג וועגען א קאנפערענץ

צו וויט צו פאהרען און איך קאנען ניט זיין צוזאמען מיט באלשעוויקעס.

לאנדאן, יאנואר, 29.

גראף מאסטאן דעמערינדאל, דער ארכאנגעלסק קארעספאנדענט פון דער „מארנינג פאסט" שרייבט:

„איך בין אין דער לאגע איבערצושיקען דעם סך הכל פון דער דעקלעראציע וואס די נארט - רוסישע רעגירונג וועט איבערגעבען די אלייאירטע פארשטעהער. זי לעזט זיך ווי פאלגט:

„ערקלעהרענדיג דעם פארשלאג פון די אלייאירטע וועגען א געמיינשאפטליכען קאנפערענץ צווישען די פארשידענע רעגירונגען פון רוסלאנד, די באלשעוויקעס אריינגערעכענט, דריקט אויס די ארכאנגעלסק רעגירונג איהר דאנקבארקייט צו די אלייאירטע און אין דער זעלבער צייט באטראכטענדיג דעם פארשלאג אלס ניט-דורכפיהרבאר, און צוליעב פאלגענדע טעמים:

„נאכלאזענדיג די פארטיי אינטערעסען זענען די דעלעגאטען גרייט צו פאראייניגען זיך אויף א געוויסען געמיינשאפטליכען פארזוך צו ווידער אויפצובויען רוסלאנד. אבער אין דער זעלבער צייט וועט קיין איין קלארער און עהרליכער רוס ניט באטייליגען זיך אין פארהאנדלונגען מיט פארטרעטער פון די באלשעוויקעס, וועלכע לייקענען אלע אידיאלען פון פאטריאטיזם, וועלכע האבען פארראטען רוסלאנד, וועלכע האבען מיט זייערע האנדלונגען פארראטען די דעמאקראטיע. די אנוועזענהייט פון באלשעוויסטישע פארטרעטער וואלט געמאכט דעם איינדרוק דאס זייער רעגירונג'ס פארמע האט געקראגען אנערקענונג, און דאס איז א זאך וואס איז געגען די אידיאלען פון רוסלאנד און פון גאנץ איירעפא.

„פון א פראקטישען שטאנדפונקט מאכט די קורצע צייט וואס איז געגעבען געווארען ביז צו דער קאנפערענץ, אונמעגליך פאר אונזערע פארטרעטער צו קומען צום באשטימטען פלאץ.

„וואס אנבעלאנגט דעם שטילשטאנד מיט די באלשעוויקעס איז אויך אזא זאך וואס מען קאן זיך ניט פארלאזען אז זיי וועלען האלטען זייער צוזאג, ווארום זיי אנערקענען דאך ניט קיין מיליטערישע און ניט קיין אינטערנאציאנאלע געזעצען. אזא וואפען - שטילשטאנד וואלט בלויז פארשטארקט זייער מאכט און וואלט פארלענגערט די ליידען פון רוסלאנד".

א בעוועגונג צו שאפען היקף פאר די ליידענדע אידען פון פאלעסטינא

נעכטען נאכמיטאג האט זיך געווענדעט א פרויען דעפוטאציע, פארשטעהער פון פארשידענע אידישע אינסטיטוציעס מיט א בקשה צום מעיאר פון טאראנטא, אויב עס איז מעגליך מיטצוהעלפען אין דער ארבייט צו שאפען הילף פאר די נויטליידענדע פון פאלעסטינא.

די דעפוטאציע איז באשטאנען פון מיסעס א. פרימאן פון אטאווא, מיסעס דזשיי עלען, מיסעס סאלאמאנסקי, מרס. סינגער און מרס. סיליק. אלע פון טאראנטא.

קאנטראלער מעגווייער און הארטלי דיווארד האבען פארגעשטעלט די דעלעגאציע פאר'ן מעיאר און מרס. פרימאן האט פארגעלייגט די בקשה, באהויפטענדיג, דאס די אטאווא רעגירונג האט געגעבען די הסכמה דערצו און אז די שטאדט אטאווא האט שוין בייגעשטייערט דריי טויזענד דאלאר פאר דיעזען צוועק. זי האט אויך ערקלעהרט דאס פלענער ווערען אויס געארבייט ווי אזוי צו שאפען די הילף.

דער מעיאר האט זיי זעהר פריינדליך אויפגענומען און פארשפראכען צו העלפען מיט אלע מעגליכקייטען.

היינט ביים מיטינג פון דער באארד אף קאנטראל וועט די פראגע אויפגענומען ווערען.

קלאנג אז ר'אזא לוקסעמבורג לעבט

קאפענהאגען, יאנואר, 29.

א טעלעגראמע פון מינכען צום „פאליטיקאן" מעלדעט, דאס פון גאנץ פארלעסליכע קוועלען קומט די נייעס אז ראזא לוקסעמבורג, וועמען מען האט פארערכעט אלס געטויטעט דעם 15-טען יאנואר אין די רייאטען פון בערלין, געפינט זיך צווישען די לעבעדיגע און זי געפינט זיך אין א הויז פון א פריינט און וואו זי וועט פארבלייבען באהאלטען ביז זי וועט קאנען אנטלויפען פון דער דייטשער הויפט שטאדט.

פארהייראטע נורסעס געשיקט אהיים פון דער ארמיי

אטאווא, יאנואר, 29

דער מיליץ דעפארטמענט האט היינט אנאנסירט דאס אין דער צוקונפט וועלען פארהייראטע פרויען ניט אויפגענומען ווערען אלס נוירסעס.

דער אנדערער באפעהל זאגט דאס אלע פארהייראטע פרויען, וואס זענען ניט קיין אלמנות און וועלכע זענען איצט באשעפטיגט אלס נוירסעס [illegible] ווערען פון זייערע פליכטען [illegible] אזעלכע וועמענס מענער עס זענען נאך אין ענגלאנד, זאנסט וועלען קיין איינציגע פארהייראטע פרויען ניט האבען קיין ערלויבניש צו פארבלייבען אלס נוירסעס.

פיער טויזענט זיעגרייכע וויסטען מאכער צוריק אין די שעפער

(אינט. איר. פרעס ביורא.)

ניו יארק, יאנואר, 29.

ביז נעכטען האבען זיך שוין אומגעקעהרט איבער פיער טויזענט פון די סטרייקענדע וויסטען מאכער, צוריק צו דער ארבייט האבענדיג געוואונען אלע פאדערונגען.

פאריער שטימען פאר א סטרייק

(אינט. איר. פרעס ביורא.)

ניו יארק, יאנואר, 29.

נעכטען האבען די פאריער געשטימט וועגען דעם צו עס זאל ארויסגערופען ווערען א סטרייק אין די שעפער וואס האבען נאך ניט נאכגעגעבען די פאדערונגען פון דער יוניאן: 4,683 פאריער האבען געשטימט פאר א סטרייק. דר. מאגנעס האט געמאכט א פארזוך צו פארהיטען דאס ארויסרופען דעם סטרייק דורך צוזאמענברענגען די צדדים צו אן ארביטרייטשאן.

דענמארק טרייבט ארויס באלשעוויקעס

קאפענהאגען, יאנואר, 29.

אויפ'ן פארלאנג פון דער דענישער רעגירונג האט דער באלשעוויסטישער פארטרעטער אין דענמארק צוזאמען מיט דער גאנצער אמבאסאדע פארלאזען דענמארק. מען האט איהם אריינגעשיקט אן אנזאג דאס זיין געגענווארט ווערט ניט פארלאנגט.

פויערים רעוואלוציע אין רומעניען

ווין, יאנואר, 29.

טעלעגראמען פון בודאפעסט מעלדען דאס א רעוואלוציע פון פויערים האט אויסגעבראכען איבער דער לענג און ברייט פון רומעניען.

אין א באשטימטער שטונדע האט אין אלע דערפער זיך אנגעפאנגען אן אויפשטאנד. די צוריקגעקומענע סאלדאטען האבען זיך געשטעלט אן דער שפיצע פון אלע רעוואלטירטער און האבען אריינגעמארשירט אין די שטעדט און עס האט גלייך אויסגעבראכען א בלוטיגע מלחמה צווישען די שטאטישע סאלדאטען. די טעלעגראמען באהויפטען דאס אין בוקארעסט זענען דעם גאנצען טאג זונטאג אנגעגאנגען שלאכטען מיט מאשין ביקסען. סאציאליסטען רעוואלוציאנערען זענען צו געשטאנען צו דער באוועגונג.

נאך אידען גיבען צו טויזענט דאלאר פאר דער „פאראקיעל סקוהל"

די טוער פון דער „פאראקיעל סקוהל" האבען הפנים מזל צו באקומען גאנצע טויזענדער פאר זייער צוועק. ווי זיי האבען אונז איבערגעגעבען, האבען זיי באקומען עטליכע נדבות די וואך צו טויזענד דאלאר יעדע, אבער די נעמען פון די מנדבים ווילען זיי דערוויל נאך ניט פארעפענטליכען.

ניט נאר האבען זיי מזל צו טויזענדער, נור זיי צייכנען זיך יעצט אויך אויס אויף אן אנדער געביט. די „פאראקיעל סקוהל" האט וויזט אויס אנגעריהרט די פאמיליען - געפיהלען, און ברידער און שוועסטער לעגען זיך דארום צוזאמען גרעסערע סומען, כדי זיי זאלען האבען א מעגליכקייט צו קענען האבען א צימער אויפ'ן נאמען פון א פאטער אדער א מוטער.

די טוער פלאנעווען אויך צו האבען דעם גאנצען האל פון מארמעל שטיין, און קיין אויפשריפטען וועלען שוין דארטען ניט פעהלען.

פאר א פארטרעטער פון „אידישען זשורנאל" האבען זיי ערקלעהרט, אז עס האבען זיך פארשפרייט קלאנגען, אז די „פאראקיעל סקוהל" געהט געבויט ווערען אויף קענזינגטאן עוועניו. דאס איז ניט ריכטיג, ווייל די נייע שול וועט אויפגעבויט ווערען אויף אגוסטא עוועניו. ווי עס איז שוין געמעלדען געווארען אין דער צייטונג.

אימיגראציאנס קאמיטע איינשטימיג אפצושטעלען אימיגראציע אויף פיער יאהר

פרויען און קרובים פון אויסלענדער וועלען אפשר יא אריינגעלאזען ווערען

וואשינגטאן, יאנואר, 29.

די אימיגראציאנס קאמיטע פונ'ם קאנגרעס האט אריינגעבראכט אן איינשטימיגען באשלוס אז אויף פיער יאהר זאלען די טויערען פון אמעריקאנער גרענעצען פארשלאסען ווערען און ניט אריינלאזען קיין איינציגע אימיגראנטען א חוץ פון קענעדע, קובא, מעקסיקא און ניו פאונדלענד.

מר. בוירנעט, טשערמאן פון דער קאמיטע האט אנאנסירט דאס ער וועט גלייך פאדערען א ספעציעלע רעגולאציע, אז דער קאנגרעס זאל גלייך נעהמען דאס דורכפיהרען דאס געזעץ.

דיסקוסיע וועגען דער צייט.

וועגען דעם אז די טויערען דארפען געשלאסען ווערען איז גאר קיין ספק ניט געווען. די איינציגע פראגע וואס האט פארנומען א דיסקוסיע איז געווען אויף ווי לאנג. עס איז געווען א מיינונג, אז צוויי יאהר וועט זיין גענוג. אבער דער באשלוס אויף פיער יאהר איז אנגענומען געווארען מיט זיבען געגען צוויי.

צו דער רעקאמענדאציע זענען אויך אריינגעבראכט געווארען עטליכע אמענדמענטס. איינער איז דאס קרובים פון אויסלענדער וואס געפינען זיך שוין אין לאנד זאלען אריינגעלאזען ווערען און אויך אזעלכע בעל - במלאכות אין וועלכע דאס לאנד וועט זיך נויטיגען.

אידישע פעדלער ערקלעהרען א הונגער סטרייק

(אינט. איר. פרעס ביורא.)

ניו יארק, יאנואר, 29.

ניט געפינענדיג קיין אנדערען מיטעל ווי אזוי צו פראטעסטירען געגען דער אכזריות'דיגקייט פון דער פאליציי צו די אידישע פושקארט פעדלער, האבען צוועלף טויזענד פעדלער ערקלעהרט א סטרייק, און אויף אזא אופן לאזען וויסען דער שטאדט פארוואלטונג איהר פראטעסט.

אין עצם גענומען איז אזא מין סטרייק ניט מעהר ווי א הונגער סטרייק. ווארום זיי סטרייקען דאך איינענטליך געגען זיך אליין, געגען זייערע פאמיליען. די גרויסע „האלסיילערס" פון וועמענס סחורות די ארעמע אידישע פעדלערס פארקויפען וועלען זיך ווייניג וואס קימערען וועגען אזא סטרייק. זיי האבען אנדערע מיטלען ווי אזוי צו פארקויפען זייערע סחורות. ווען מענשען ווערען געצוואונגען אנצונעהמען אזעלכע פארצווייפעלטע מיטלען איז זיך לייכט פארצושטעלען זייערע צרות.

זוכען צו מאכען שלום צווישען ציוניסטען און באארד אף דעפיוטיס

פראנצויזישע רעגירונג אונפריינדליך צו אנטי - ציוניסטען.

(אינט. איר. פרעס ביורא.)

ניו יארק, יאנואר, 29.

טעלעגראמען צום „מארגען זשורנאל" מעלדען, דאס די פראנצויזישע רעגירונג באציהט זיך ניט - פריינדליך צו דעם געפלאנטען קאנפערענץ וואס די געגנער פון ציוניזם קליובען זיך אפצוהאלטען אין פאריז.

עס ווערט אויך געמעלדען דאס עס ווערט ערווארטעט אז סטיווארט סעמיועל, פרעזידענט פון דער דזשואיש באארד אוו דעפוטיעס (געגנער פון ציוניזם) וועט ברענגען צו א שלום מיט די ציוניסטען ביי דעם פריזער קאנפערענץ.

בעטען ערלויבניש צו קאנען שיקען הילף.

די טעלעגראמען ברענגען אויך די ידיעה, דאס די ציוניסטען פון קרים האבען אריינגעשיקט א בקשה צו ענגלאנד עס זאל ערלויבט ווערען א דירעקטער פארקעהר פון שיפען פאסטען און טעלעגראפען צווישען רוסלאנד און פאלעסטינא

פראקטישע פארבארייטונגען צו אן אלגעמיינעם ציוניסטישען קאנגרעס אין לאנדאן

אימיגראציע הויפט פראגע צום באטראכטען און געפינען א לעזונג.

(אינט. איר. פרעס ביורא.)

ניו יארק, יאנואר, 29.

אינפארמאציעס וואס זענען ערהאלטען געווארען צו דער „ווארהייט" מעלדען דאס די ציוניסטען פון לאנדאן, ענגלאנד מאכען די פראקטישסטע פארבארייטונגען צו אן אלוועלטליכען ציוניסטישען קאנגרעס וואס זאל אין גיכען אפגעהאלטען ווערען אין לאנדאן.

פארשטעהער פון דעם ציוניסטישען לאגער ערקלעהרען דאס דער קומענדער ציוניסטישער קאנגרעס וועט זיין איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע וואס זענען ביז איצט געהאלטען געווארען.

אימיגראציע די הויפט פראגע.

פון די הויפט פונקטען וואס די ציוניסטישע פיהרער גרייטען פאר צום פארהאנדלען ביים קומענדען קאנגרעס ווייזט אויס, וועט זיין די וויכטיגסטע די אימיגראציאנס פראגע. עס ווערט ערווארטעט דאס גאר אין גיכען זאל זיך אנפאנגען א מאסען אויסוואנדערונג פון אידישע פאמיליען פון פוילען, ליטא און אויך אנדערע לענדער און דער קומענדער קאנגרעס וועט האבען אלס זיין הויפט אויפגאבע צו רעגולירען אט די דאזיגע אויסוואנדערונג.

אמעריקאנער ציוניסטישע דעלעגאטען אויפגענומען מיט שמחה

די אינפארמאציעס מעלדען אויך, דאס די אמעריקאנער ציוניסטישע דעלעגאציע איז אויפגענומען געווארען אין לאנדאן מיט גרויס ענטוזיאזם.

י. מ. ק. א. זוכט צו פארריכטען די באליידיגונגען געגען די אידישע מיטגליעדער

די אדמיניסטראציע פון דער יאנג מענס קריסטשען אסאסיאיישאן האט געלאזט וויסען איהרע מיטגליעדער, אז די ענדערונגען וואס איז געמאכט געווארען וועגען דער צייט פון גימנאסטיק, און אז אידישע מיטגליעדער וועלען אפגעזונדערט ווערען פון די ניט - אידישע, זענען דערוויל צוריקגערופען און אז אלעס איז דערוויל ביים אלטען ווי געווען. די אורזאכע פון בטול מאכען די נייע רעגולאציעס איז די אונצופריעדענהייט וואס די ענדערונג האט ארויסגערופען. פאלגענדעס איז דער אינהאלט פונ'ם בריעף וואס איז ארויסגעשיקט געווארען:

„טייערער פריינט: —

מיט א וואך צוריק האבען מיר אייך געשריבען וועגען א פארגעשלאגענער ענדערונג אין דער צייט פון אונזערע גימנאסטיק קלאסען, האפענדיג דורך אזא ענדערונג צו געבען בעסערע רעזולטאטען פאר דער קלאס - ארבייט פון דער עלטערער מיטגליעדערשאפט.

אבער אזוי ווי עס זענען געמאכט געווארען געוויסע אויסזעצונגען צו דעם דאזיגען פארגעשלאגענעם פלאן, און אזוי ווי צוליעב דעם ווערען איצט אנגעפיהרט געוויסע פריינדליכע פארהאנדלונגען, האבען מיר באשלאסען צוריק צו ציהען דעם געגאנגענען בריעף, מיט דער האפנונג אויסצוגעפינען אזא מין לעזונג וואס וועט צופריעדען שטעלען אלעמען וועמען דאס איז נוגע".

אונטערשריבען א. דזשיי.
טשערמאן פון דער פיזיקאל קאמי

אינטריגעס פון דייטשען קייזערליכען הויף

א שפאנענדער ראמאן, וואו עס ווערען אויפגעדעקט די רייטשיש-פרייסישער גרויזאמקייטען און די מיליטאריסטישע שטרעבונגען פון די יונקערס, וועלכע האבען פאראורזאכט די יעצטיגע בלוט-באד.

פון עקס

(123-טע פארזעצונג)

אין דעם אווענד פאר דעם לעצטען איז ער געזעסען ביים טיש און האט פערפאקט זיינע ביכער, זיינע פאפיערען און זיינע בריעף.

מיט א צובראכענע הארץ האט ער בע-קוקט זיין הארעוואניע, די וויכטיגע שריפטען, די פאליטישע ערקלעהרונגען און די טהייערע בריעף וואס זיינען צו איהם אנגעקומען פון די גרעסטע לייט.

אמאל זיינען זיי געווען זיין שטאלץ זיין האפנונג אויף א גליקליכע צוקונפט, און וואס זיינען זיי יעצט? טויטע בוכשטאבען אבגעשטארבענע בלומען מצבות פון זיין צוטראטענער האפנונג.

אין דעם מאמענט האט מען אנגעקלאפט, און ניימאן איז אריינגעקומען.

— איך מוז אייך שטערען הער האט ער געזאגט, אבער די דאמע וועלכע ציהט דא מארגען אריין פערלאנגט צו זעהען די וואוינונג, אויב איהר וועט ערלויבען.

— ווארום מאכט איהר צערעמאניעס ניימאן? פיהרט איהר ארוין — האט אולריך געענטפערט פערדריסליך.

ניימאן איז ארויס, און אולריך האט גענומען געשווינד צוזאמען לייגען זיינע פאפיערען. דא איז איינגעהילט אין א לאנגע טוך און פערשלייערט אריינגעקומען די נייע שכנה.

אולריך האט זיך פארניגט, און די דאמע האט אבגעשאטען דעם שלייער...

מארינע, איהר? איך בעט אייך וואס ווילט איהר דא?

— וואס איך וויל? בעזעהען מיין וואוינונג מיין פריינד!

— האט איהר דען דאס אבגערונגען מאריאנע? ווילט איהר זיך דען שיידען פון אייער מוטער?

ליעבער אולריך, האט זי געענטפערט עס איז שוין גענוג פאר אונז צו שפיעלען אין בלינדע קוה. וואס טויג אונז די פערשטעלעניש? איך ווייס דאך פון אלע פיין און צרות וואס איהר ליידט ניט פערדיענטערהייט. כאטש איהר האט ניט געהאלטען אייער פארשפרעכען, מיר דערפון צו לאזען וויסען!

דא האט שוין ניימאן ווידער גע-פאוידערט, ווי מיר שיינט.

מאריאנע האט ארויסגענומען פון איהר טאש אן אפענעם בריעף.

גענוג זיך מאסקירען טייערער אול-ריך, האט זי געזאגט. אייער עלענד האט גענומען א סוף, אס דער בריעף האט ענטשיעדען איבער אונז ביידען! איך האב דעם גענעראל געשריבען וואס מיט אייך האט פאסירט, און ער האט מיר געענטפערט.

— וואס האט איהר געטהאן מאריאנע!

— ניט איך האב דאס געטהאן, דאס האט געטהאן מיין ליעבע צו רעטען איהר געליעבטען. לעזט נור טייערער אולריך לעזט דעם בריעף, און אויב איהר וועט דערנאך בעהויפטען אייער יעצטיגע לאגע וועל איך זיך האבען געגארט אין דעם איינציגען מאן פאר וועמען איך לעב אויף דער וועלט!

מיט ציטערנדע ליפען האט ער גע-קושט איהר האנד. ער האט איהר גע-זעצט ביי זיך אויף'ן סאפא און האט גע-עפענט דעם בריעף.

— ווייסט איהר שוין וואס דא שטעהט? האט ער געפרעגט.

— זיינע עקסעלענץ האט מיר ערלויבט דעם בריעף צו עפענען ווייל ער איז גע-שריבען צו אונז ביידען. אבער מיין גאט, אייערע אויגען זיינען דאך פערגאסען מיט טרעהרען, ווי וועט איהר קענען לייענען? גיט מיר ליעבער אולריך איך וועל אייך פארלעזען.

ער האט איהר דערלאנגט דעם בריעף און זי האט פארגעלעזען:

מיין טייערער אולריך!

אלזא, אונזערע פיינד האט דאך גע-גליקט זייער שענדליכען פלאן! הערצ-בערג איז געפאלען און דו מיט איהם! גלייך אין דעם זעלבען טאג, האט אונזער ליעבע מאריאנע מיך געלאזט וויסען דערפון, און מיט א פאר טעג צוריק האט זי מיר געשריבען, אז ווי א געמיי-נער פערברעכער ביזטו געשטעלט אונטער פאליצייליכער אויפזיכט, אין דעם בריעף בעט זי מיך איהר צו ערלויבען דיר צו העלפען, און איך הייס זיך איהר וואונש צו דערפילען. איך ווייס אז קיין בעסערען שוץ ענגעל קענסטו ניט האבען. זי וועט דיך טרייסטען און זי וועט צוריק אייפבויען דיין איינגעפאלענע האפנונג.

איך ווייס, דאס שוין דאמאלס ווען זי האט זיך אויסגעבעטען פון קעניג די גנאדע ער זאל איהר ערקלעהרען פאר מינדיג, האט זי דאס געטהאן בלויז פון דיינעטוועגען ווייל זי האט איינגעזעהן די געפאהר אין וועלכער דו שוועבסט, און זי האט געוואלט זיך צוגרייטען דיר צו קענען העלפען אין דיין נויט.

אין דעם לעצטען בריעף האט מאריאנע מיר ענטדעקט, דאס זי האט זיך דער-וואוסט פון דעם דירעקטאר וועסעל אז דו האסט שטילערהייט איהם בעצאהלט פאר דער בעזונדערער מיה וואס ער האט זיך גענומען איהר איינצושטודירען גוט איהרע ראלען, און אז פאר איהרע אלע ערפאלגען האט זי בלויז דיר צו פערדאנקען. זי בעט מיך, אלס פאטערליכען פריינד פון דיר, איהר צו ערלויבען זיך צו טהיילען מיט דיר דיין שיקזאל אייביג, און דיר דורך געטריקייט און איבערגעבונג צו בעצאהלען פאר דאס וואס דו האסט פאר איהר געטהאן.

איך שיק אייך דאריבער מיט דעם בריעף מיין ברכה מיין גליק וואונש און איינוויליגונג אין אייער פערבינדונג, אלס אייער זיידע!

אולריך, האט אנגעהויבען זיך צו רייבען די אויגען און דעם שטערען. ער האט אנגעפאנגען צו צווייפלען צו ליגט ער ניט אין א זיסען חלום? צו האט ניט זיין צוהיצטע פאנטאזיע איהם אויס געמאלען אזא צויבער בילד? אבער ניין! דא זיצט דאך מאריאנע ביי זיין זייט, דא זעהט ער דאך איהרע צו-פלאמטע בעקלאך, איהרע פייכטע אוי-געלאך מיט דעם בריעף וואס דער גענע-ראל האט געשיקט און איהר האנד.

א, דו זיסע, דו היילינע, דו מלאך, האט ער אויסגערופען איהר צודריקענדיג צום ברוסט, מיט וואס זאל איך דיר אבדאנקען פאר אזא הייסע און היילינגע ליעבע! אה, מיין שאץ, דו פערגעסט נאר, דאס איך בין יעצט קיין זאך ניט, דאס איך האב קיין זאך ניט און דאס איך בין בלויז אן ארעסטאנט, וואס קען ניט אריבערגעהן א גאס וואו א פאליצי-הונד זאל מיר ניט נאכלויפען! וועט ניט שאדען דיין נאמען און דיין אנזעהען וואס דו האסט אין הויף און אין פארנעהמע הייזער, ווען דו וועסט זיך פארבינדען מיט א פאליטישען פערדעכטיגען?

— וואס קימערט מיך די פאליציי וואס קימערען מיך די פארנעהמע לייט, ווען דו מיין טייערער אולריך ליעבסט מיך? איך האב גאר ניט קיין אורזאך זיך פאר זיי צו שעהמען! מארגען גלייך וועלען מיר פאהרען צו זיידע, צו ארעטי, צו האלצענדארף און צו די אנ-דערע פריינד און מיר וועלען זיך פאר-שטעלען אלס חתן כלה.

דורך ווערדער וועל איך לאזען וויסען דעם טראהנפאלגער פון דער שאנדע וואס מען טהוט דיר גאר אומזיסט און צום קעניג וועל איך שרייבען און בעטען ענט-ווערדער מען זאל דיר בעפרייען, אדער מען זאל מיך אבלאזען פון טהעאטער!

דיך אבלאזען פון טהעאטער פון מיינטוועגען? ניין מאריאנע, דאס טארסטו ניט טהאן!

פארוואס ניט? דענקסטו אז אנ-דערשוואו וועלען מיר ניט געפינען אונ-זער גליק? קענסט מיר גלויבען מיין טייערער, אז ווען דו וועסט נור זיין ביי מיין זייט, וועל איך אויך אזוי גוט זינגען אין האמבורג, אין לייפציג, אין פראנקפורט אדער אין מינכען, אזוי גוט ווי איך האב געזונגען אין בערלין! לאמיר צוערשט פרובירען מיין קראפט און מיין מיטה, לאמיר זעהען צו וועל איך ניט אויספיהרען מיט מיין ליעבע, מעהר ווי בישאפסווערדער מיט זיין פיינדשאפט.

זונטאג 30 אנואר

(פארזעצונג פאלגט)

בעסטע ארבייט

מעסיגע פרייזען

נעסיוווט א דאלאר—פארדינט א דאלאר

דאס איז אן אלטער שפריכווארט

און אויב איהר ווילט סייפען פון 20 ביז 30 פראצענט אויף אייערע

דרוק ארבייט

דאן טעלעפאנירט עדעלייד 3967

די דזשורנאל פרעסס

251-253 קווין סטריט וועסט

(אין זעלבען פלאץ פון „אידישען זשורנאל")

און מיר קומען גלייך אריבער אייך איבערצייגען דאס סיי וועלכען פרייז איהר האט פון אין צווייטען פרינטער אדער אינוואיסעס פון בעפאריגע ארבייט וועלען מיר אייך צו יעדער צייט געבען 20 פראצענט ביליגער ווי א צווייטענס פרייזען אדער אינוואיסעס.

גוטע ארבייט און אטענדעט אין צייט גאראנטירט.

קיין דזשאב איז ניט צו קליין אדער צו גרויס.

מיר האבען אויך א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע קאלענדארס צו די ביליגסטע פרייזען.

ארבייט. אייערע מיטינג לעטערס ווערען געמאכט אין זעלבען טאג ווען איהר ארדערט. געפרינטעט אין א ריינער אידישער שפראך.

עדעלייד 3967

אימיגראנטען

ווערען געהאלפען

אייערע עלטערן און פאמיליע

אין רוסלאנד, פוילען, גאליציען און רומעניען און איבעראל. ווערען געזוכט פאר אייך, אום צו שטעלען אייך אין שנעלער פערבינדונג.

נאך אינפארמאציעס ווענדעט זיך צו

ה. דווארקין

נאציאנאלער דירעקטאר (פיר טאראנטא) פון דער חיברו אימיגראנטען אייד סאסייטי און אמעריקא

צו יעדער צייט פארטיג אייך צו העלפען.

525 Dundas W. Toronto Ont.

סענעדע פוד באארד לייסענס נומער 1365



כשר וואורשט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די גע-שמאקסטע, פרישסטע און בעסטע סאסעדזשעס, וואורשט, סאלאמא, פאסטראמא, צונגען און אלע סמוק פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל טערדימאנ'ס כשר סאסעדזש מיט'ן רויטען לייבעל

266 פארלאמענט סטריט

טעלעפאן מיין 909

ארדערס געליווערט איבעראל

לערנט דעזיינינג

איך גיב לעסאנס פאר דעזיינינג קאטינג און גריידינג פאר מע-נער קליידער. פערזיכער אוים צולערנען אויסשטודירט אין ניוארק. י. פרימאן 27 בארדען סטריט

4309—2

דער בעסטער פריוואט-טיטשער אויף פידעל שפילען פון אנפאנגער ביז די-סייטעל איז מר.

שפיקמאן 93 וויליאם סטריט

וועלכער די פראפעסארען האמבורג און וואנקאניץ פון קענעדיען אקאדע-מיע רעקאמענדירען איהם. ווי אויך נעהם איך אן צו שפילען חתונות און בעלער מיט די בעסטע יוניאן ארקעס-טערס.

אורין
אויספליסונגען
קורירט אין
24 שטונדען
יעדע פיעל האט
דעם נאמען MIDY
SANTAL CAPSULES MIDY
היט זיך פאר נאכגעמאכטע

צו אלע פעדלערס און עקספרעס לייטע

מיר פארקויפען יעצט היי, טשאפ, האבער ביליגער ווי איבעראל, און די בעסטע סחורה. קומט און איבערצייגט זיך.

יונייטעד פיעד און גריין קא.

100—102 עליזאבעט סט. טעלעפאן אדעלייד 1415.

4006 1 30

די לאיער פירמא פאקטאר און שולמאן

לאזט וויסען אלע קליענטען, פריינד און בעקאנטע דאס פון דעם ערשטען יאנואר, 1919, וועט זייער אפיס זיך געפינען אין דעם לומסדען בילדינג, אדעלייד סט. איסט, קארנער יאנג, אין סויטע 303, אנשטאט דעם יעצטיגען פלאץ אין 299 קווין סטריט. ביטע נעהמט אן אכט דעם נייעם אדרעס:

FACTOR & SHULMAN
303 Lumsden Bldg
Adel. St East. Cor. Yonge Street

איזידאר
פינבורג
בארריסטער, (לאיער)
קאמישאנער אוו דיעדס
געלט צום פארלייהען 35 אימפיריעל בענק
171 יאנג סטריט
פאן מיין 3406
וואוינונג טעלעפ. היל. 2296

אברהם קאהען
באריסטערס
נאטארי פאבליק קאמישאנערס
א. א. וו.
Sun Life Building
6) Victoria Street
Main 2684
אברהם קאהען נארט 267
סעמיועל קאהען דזשאנקשאן 1545

חזן מאנאוויטש

מוהל מומחה און מסדר קדושין

איך בעט אלע סאסייטי ברידער, וועל-כע באלאנגען מיט מיר אין פריינד אף איזראעל, סאנס אף דזשייקאבס, היברו פרענדלי און אלע אידען פון מיקאל שוהל מעמבערס און סיט האלדערס און אלע אידען פון טאראנטא, פארגעסט ניט צו צו רופען חזן מאנאוויטש צו אייערע שמחות! איך פארשפרעך און גאראנ-טיר די בעסטע צופריעדענהייט. ווען גאט בענטשט אייך מיט א ברית מעג עס זיין אין הויז אדער אין אבי וועלכען האס-פיטאל אין סיטי אף טאראנטא וועל איך עס אטענדען מיט דאנק.

ארימע פאציענטען גאנץ אומזיסט.

איך נעהם אויך אן קאונטרי ארדערס.

ריכטיגע בעהאנדלונג און אטענשאן.

פארגעסט ניט מיין אדרעס:

יעוו. א. י. מאנאוויץ 233 בעווערלי סט.

מיין טעלעפאן נומער איז קאל. 2033.

פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאניע —

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פריי-זען. מיר מאכען קאנטראקטען כא-נאמליך און יעהר-ליך. 10 טעראלי סטריט טעלעפאן אדעלייד 6087

[illegible]

טעלעפאנירט גלייך

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, 10 TERAULEY ST

היט זיך פון דעם הוסט

קויפט א 35 סענטיגע פלעשעל פון דר. מייסיענס הוסט רפואה און בא-פרייט זיך פון דער געפעהרליכער אנ-שטעקונג וועלכע פיהרט צו קאנסאמ-שאן און לונגען אנצינדונג.

אבסאלוט גאראנטירט.

ווערט פארקויפט נאר ביי:

Claude J. Halloran

קאם רייט דראגיסט

202 דאנדעס סטריט וועסט קארנער סענטער עוועניו, טאראנטא.

טעלעפאן עדלייד 1281.

ד״ר. פאומאן

דענטיסט

האט זיין

דענטיסט אפיס

אויף'ן קארנער מיקאל און דאנדעס סט. איבער דער דאמיניאן באנק.

טעלעפאן קאלעדזש 7782.

מ. בראון

דזשענעראל אינשורינג אגענט

איך רעפרעזענטירע די

Ocean Insurence Co.

Assets $24,000,000

וועלכע גיט פאליסעס פיר פארניטשור פיר 3 יאהר און שטעלט אריין קיינע ספעציעלע פונקטען אין די אידישע פאליסעס

Ocean Office Cor. King & Yonge St. M. 4124

M. BROWN Agt.

147 Seaton St, Phone M. 2364

צו זיין געזונד
האלט ריין אייער מאגען

העפי האם

ווירקט!
רייניגט! לויטערט!
דעם מאגען און דאס בלוט
פערקויפט איבעראל. אין 10 און 25צ. באקס.

דר. מ. פיזוניק

דענטיסט

שמערצלאזע עקסטרעקשאן פון צייהן

קאר. קווין און ספעדינע עוו. רום 2

טעלעפאן ארעלייד 4067

דר. ד. א. סיגעל

דענטיסט

קארנער דאנדעס סטריט און ספע-דיינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלידזש 6073 הויז טעלעפאן קאלידזש 6937

דר. בערנארד שאפער

דענטיסט

האט ערעפענט

א דענטיסט אפיס

אין 346 קאלעדזש סטריט

איבער פליי האוז טעאטער

טעלעפאן קאלעדזש 252

כלויז חזן וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פאקטיש

אלס מוהל

און אלס מסדר קדושין

אלע עלטערן פון קינדער זאלען גאנץ נעהמען אין באטראכט ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט. קאנטרי לייט קענען מיר רופען אויף זייערע שמחות.

יאהתנונג 63 קראגוויס עוועניו.

טעלעפאן קאלעדזש 1076

פיר ארימע אומזונסט.

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט עקספיריענסד פינישערס צו מענער פענטס, נאכפרעגען אימפיריאל קלאדינג קא. 217 ריטשמאנד סט. וועסט.
4408—1—31)

פערלאנגט פאקעט מייקערס צו מענס קאוטס, פינישערס, האנט באטען האול מייקערס, באטען נייערס. נאכפרעגען נארטה אמעריקאן טיילערס, 67—71 עדלייד סט. וועסט.
4425—1—31)

איך זוך א באי צו לערנען די זיגער-מאכער טרייד. א פעהיגער באי וועט קרי-גען גלייך בעצאהלט. מארפיעלד 164 בעי סטריט 2 פלאר רום 11.
4423—1—29)

פערלאנגט סקוירט אפרייטערס. ווענדעט זיך גלייך. דזשוניאר און מיסעס קאסטאם קא. 96 ספעדיינע עוו.
4429—1—2)

עלעקטרישע פיקטשורס עלעקטרישע פארמאכטע וויירינג ווערט פון אונז אריינגעשטעלט אין אלטע הייזער. מיר מאכען אויך מאטאר - וויירינג, די-פיירס און אלעם אנדערעס אין דער עלעק-טרישער ליין. ארבייט איז גאראנטירט. עסטימייטס ווערען פריי געגעבען. ארט עלעקטריק 307 יאנג סט. פאן מעין 2413.
4117—6—7)

עקספיריענסד פינישערס פערלאנגט צו לײדיעס קאוטס און סוטס. ווענדעט זיך גלייך. די מאדעל קרעפט קא. 34 סט. פעטריק סטריט.
4428—1—31)

פערלאנגט עקספיריענסד סקוירט פי-נישערס און באטען נייערס, דאמיניאן קלאוק קא. 60 באטהורסט סט.
4426—1—2)

פערלאנגט עקספיריענסד עקזאמינער צו לײדיעס דרעסעס, גוטער פאזישאן צו דעם ריכטיגען פערזאן. בראדוויי דרעס הויז, 132 ריטשמאנד סט. וועסט.
4433—1—30)

פערלאנגט א מיידעל אדער א פרוי צו אטענדען הויז ארבייט, מוז קענען האלטען קליין אין הויז. פרעגען שעדלידים 121 מעראל סטריט.
4422—1—29)

פערלאנגט עקספיריענסד אפריי-טערס צו קלאט און סילק דרעסעס שטיק ארבייט. בעסטע פרייזעס געצאהלט. ווי אויך עקספיריענסד סעמפעל אפרייטערס. דזשיי. ה. ווינטער, קינג און ספעדינע עוו.
4378—1—30)

פערלאנגט א שניידער וועלכער זאל קענען טאן אלע ארבייט אין קאסטימער שניידעריי. סטעדי ארבייט און גוטע וויידזשעס. ווענדעט זיך זאפארט אין 740 באטהורסט סט.
4382—1—30)

פערלאנגט אן עקספיריענסד קאטער צו לײדיעס דרעסעס און אויך מענער הילפע. פרעגען דזשיי. ה. ווינטערס, קינג און ספע-דיינע עוו.
4377—1—30)

פערלאנגט א גוטע שניידער מיידעל פאר לײדיעס ארבייט, גוטע וויידזשעס, סטעדי, א גאנץ יאהר, 287 קאלעדזש סט.
4384—1—30)

עקספיריענסד העלפער צו קלאוקס. ווענדעט זיך נאך 6 איהר אין אווענט 76 בעלוויו עוו.
4400—1—31)

עקספיריענסד סעמפעל מייקערס צו דרעסעס און סקוירטס מענער אדער מיידלאך. בייקערס סקוירט קא. 333 עדעלייד סט. וועסט.
4399—1—30)

פערלאנגט עקספיריענסד אפרייטערס, פינישערס, פרעסערס, א סיעם פרעסער און א קאטער צו קלאוקס און סוטס. נאכ-פרעגען אײדיעל קלאוק קא. 92 פיטער סט.
4438—1—30)

פערלאנגט עקספיריענסד מיידלאך אלס אפרייטערס צו דרעסעס. נאכפרע-גען פאסלאנס און סאנס, 296 ריטשמאנד סט. וועסט.
4421—1—30)

פערלאנגט עקספיריענסד אפרייטערס צו קלאקס און סוטס. נאכפרעגען פאס-לאנס און סאנס, 296 ריטשמאנד סט. וועסט.
4420—1—30

פערלאנגט אפרייטערס צו דרעסעס און סקוירטס, גוטע וויידזשעס. זיך מעל-דען זאפארט, נעשיאנאל דרעס גודס לי-מיטעד, 6 וועלינגטאן סט. וועסט.
4414—1—31)

פערלאנגט עקספיריענסד לײדיעס טיילאר. זיך ווענדען צו שניידערמאן, 792 קאלעדזש סטריט.
4417—1—31)

פארלוירען אינ'ם נעגענד פון קאלעדזש סטריט צוויי ווייסע פען טויבען, איי-נע מיט א רויטען רינג אויף'ן פוס און די צווייטע מיט א מעטאלענעם באנד. בא-לוינונג. טעלעפאן קאלעדזש 3364.
4427—1—31)

דער יעניגער וועלכער האט געפו-נען א בריעף אדרעסירט ב. פרענק, 282 מארקהאם סטריט, איז געבעטען רחמנות צו האבען און איהם ברענגען צוריק אויף'ן זעלבען אדרעס.

פיינטינג און פייפערהענגינג

איך פייפער און פיינט צו ביליגע פרייזען לאזט וויסען דורך א פאסט קארט פ. טשערניצקי 10 הענרי סט.
4043—2—1

צו פערענטען!

צו פערענטען 2 רומס מיט אלע קאנוויניענס עלעקטריק און אויך א טע-לעפאן צום יוזען, 73 בעלוואודס עוו.
4403—1—30)

צו פארענטען א פלעט 3 רומס, עלעקטריק, געז, און אלע קאנוויניענס 156 בעווערלי סטריט.
4432—2—1)

צו פערענטען 2 שעהנע רומס, אלע קאנוויניענס, געז, עלעקטריק, און א טע-לעפאן צום יוזען, 694 ריטשמאנד סט. וועסט.
4110—2)

צו פארדינגען א שעהנע פארנישד רום מיט אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען 52 סט. פעטריק סטריט.
4424—1—30)

ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

א גרויסען בארגיין 6 שניידער מאשי-נען, 2 זיג - זאג מאשינען, 1 פער מאשין מיט טייבעלס און שעפטינג, קאמפליט, האלב פרייז אויב שנעל פארקויפט. נאכ-פרעגען 377 דאנדעס סט. וועסט אדער טעלעפאן קאלעדזש 4261.
4356—1—30)

קינגס פיקעל און עסיק קא. האט 50 בארעל זויערע פיקעלס צו פארקויפען ביליגער ווי האלסייל פרייזען, נאכפרעגען 47 אסינגטאן עוו. טעלעפאן פארקדייל 6903 קענעדא פוד באארד לייסענס נומער 14527
4287—2—21

צו פארקויפען א הויז פון 8 רומס מיט אלע קאנוויניענס אורזאכע פערלאזט די שטאדט, איהר קענט דאס אבקויפען ביליג מיט 300 דאלאר נאכפרעגען 153 מענינג עוו.
4314—1—30

צו פערקויפען שעהנע הויז פארני-טשער. זעהר ביליג. אין 49 קעמעראן סט.
4407—1— 30)

א גרויסער בארגיין פאר דעם וואס וויל גלייך אפקויפען.

צו פארקויפען א גוטע פראפערטי, דזשע-נעראל סטאר און לאט, 38 מייל פון שטאדט, ביים סטיישאן. ווענדעט זיך צו מר. פינק 149 קווין סט. וועסט, אדער מר. מ. פארטער 372 ספעדיינע עוו.
4409—1—31)

צו פערקויפען א גוטע דריי גודס סטאר. גאראנטירט א לעבען צו מאכען. זעהר ביליג. מוז פערלאזען די שטאדט. 423 ספעדיינא עוו.
4435—1—30)

צו פארקויפען אן ערשטע קלאס קלי-נינג און פרעסינג סטאר אין 222 עדעלייד סטריט וועסט. קומט רעדי צו קויפען.
4430—1—3)

צו פארקויפען א קיטשען סטאף מיט א בוילער. אויך א טיש מיט טשערס, און נאך קלייניגקייטען. 7 פעניג סטריט לעבען קווין סט. וועסט.
4431—1—30)

צו פארקויפען א הויז פורניטשור, א לײדיס מאשין און א קאטינג מאשין, און אויך א שאיערס סטענד. עס מוז פארקויפט ווערען ביז דאנערשטאג, 221 סימקא סטריט טעלעפאן עדעלייד 2896
4415—1—30)

צו פערקויפען א קלינינג, פרעסינג און טיילארינג סטאר, א גוטער, איינגע-טריטער פלאץ. פרעגען ביי טעלעפאן קאלעדזש 8338.
4416—1—30)

צו פארקויפען א גוט איינגעריכטע-טען שאפ „פלענט" וואס באשטעהט פון נייע - מאשינען, א מאטאר א שנייד-טיש, א באלארד שנייד - מאשין א. א. וו. מיט א פריווילעגיע צו דינגען דעם שאפ. נאכצופרעגען ב. סטאן און קא. 77 פיטער סטריט.
4434—1—31)

ביזנעס שאנסען

רייזערס צו פיקסען

רייזערס קלינגלאך געשארפט פון עקספערטען, 1 גילעט, 35 סענט א דאזען, עווער רעדי 25 סענט, שיקט צו אלבערט קיען עדזש קאמפאניע 180 באטהורסט סטריט טאראנטא, טעלעפאן אדעלייד 163.

מאטאר טראקס, עקספרעס און מוא-ווינג דזשאבס ווערען געמאכט צו ביליגע פרייזען. טאמצין, 67 יוקליד עוו. טעלע פאן קאלעדזש 8834.
8834—2—23)

איפמערקזאם צו קארפענטערינג און קאנטראקטינג

מיר נעהמען אן ארבייט פון 1 דאלאר און העכער אויף פארניטשור ווערט גע-פיקסט, זיך ווענדען צו שטיינער 665 קווין וועסט, טעלעפאן אדעלייד 3359.
4189 2 13

דעבער פיקסען

מיר מאכען נייע דעבער און מיר פיק סען אלטע און אלערליי בלעכער ארבייט אלעם איז גאראנטירט. נאכפרעגען בלום און קאמפאניע, 115 עליזאבעטה סט. פאן מיין 2571
4344—2—23

פלאסטערינג ווערט געמאכט.

אויך פיקסען מיר אלטע פלאסטע-רינג, אויך סייד - וואקס און בריק טשימניס. טעלעפאנירט דזשאנקשאן 8144 אדער ווענדעט זיך צו מאריס און קייט 251 אגוסטא עוו.
4413—2—28)

די העלדען פון ירושלים

א היסטארישער ראמאן

— פון —

דניאל מארדאווצעוו

(4-טע פארזעצונג)

יא, בערעניקה האט איהם טיטוסען מנצח געווען, זי האט איהם ארומגענומען פון אלע זייטען, און ער ליגט יעצט ביי איהר צו די פיס ווי געבונדען. נאך לאנג נאך האט ער געהערט אז זי איז זעלטען שעהן און דעליקאט. איהם האט זיך אבער קיין מאל, זאגאר ביי דער גרעסטער פאנטאזיע ניט געחלומט, אז א מענש קען אזוי שעהן אויסזעהען. דאס איז ניט געווען קיין מענשליכע פרוי נור א מלאך פון שעהנהייט. אין וועלכער יעדעס גליד איז ארטיסטיש געשניצט, יעדע בעוועגונג האט א בעזונדערען חן.

— בירניקה, בירניקה! — האט ער ווידערהאלט אייניגע מאל און איז בייז געווען אויף זיך אליין וואס ער, טיטוס קען אויף איין סעקונדע אן איהר ניט פערגעסען.

אין דער זעלבער צייט האט זיך בערעניקה אויסגעצויגען אויף דעם געלעגער אין דער פאלאטקע און געפיהרט א געשפרעך מיט'ן ברודער אגריפוס.

— דו האסט בעמערקט? האט זי געפרעגט, אז היינט ביי נאכט האט וועספאסיאן געגעבען מיין נאמען אלס צייכען אויף דעם פאראל?

— יא, איך האב עס בעמערקט — האט זיך אבגערופען אגריפוס מרה שחורה'דיג.

— דאס איז אלץ צוליעב דיר, מיין מלך — האט זי ווידער געזאגט מיט א ווינק.

— וואס הייסט צוליעב מיר? האט אונצופריעדען געפרעגט אגריפוס.

— ווייל מיין נאמען איז א סגולה פאר דעם רוימישען אנפיהרער וועלכער בעדארף דיר אוועקצוגעבען די פערלארענע מלוכה.

איך האב מיין מלוכה קיין מאל ניט פערלארען — האט שטאלץ געענטפערט אגריפוס.

— וואס הייסט, דו פיהרסט עס אפשר ניט אונטער דעם זאטעל פון דיין פערד, אויף וועלכעס די טריטעלסט זיך גלייך ווי א געפאנגענער נעבען וועספאסיאנען און זיין זוהן טיטוס?

די פראגע האט בערעניקה ארויסגעזאגט מיט א לייכט פערבארגענעם איראנישען שמייכעל.

— וואס טויגען מיר דיינע וויצען, איך און ניט קיין אנדערער בין דאך דער מלך פון יהודה! — האט זיך געשטארקט צו פערענטפערען אגריפוס.

איך ווייס נור איינס, אז א אידישער מלך בעדארף צו זיצען אין ירושלים אויף זיין טראהן, דארטען וואו עס זיינען שטענדיג געזעסען דודס און זאגאר הורדוס'עס קינדער... — דיר אבער וועט דאך „דער געלער" אפילו אין יותפת ניט אריינלאזען גלייך ווי דו וואלסט געווען א חדר אינגעל וועלכער האט געזינדיגט און מוז דעריבער שטעהן פון דרויסען אדער אין ווינקעל.

בערעניקה האט זיך ניט אויפגעהערט צו רייצען מיט דעם לייכטזיניגען ברודער.

— דעם געלען מיינסטו דאך געוויס אויף יוסף פלאוויען? האט ער געפרעגט און זיין קול האט געציטערט.

— געוויס... אט ער, זעהסט, הייסט דער ווירקליכער מלך פון יהודה, איהם האט מען אויסגעקליבען צו שיצען דיין פאלק, דיין פאלק — הא, הא, הא... ווי קאמיש די צוויי ווערטער קלינגען.

אגריפוס איז אויפגעשפרונגען פון זיין ארט און מיט כעס אנגעהויבען צו שפרייזען איבערן צימער.

— דו האסט מיר קיינמאל ניט געפאלגט — האט ווייטער בערעניקה אנגעהויבען דאס איהריגע — אפילו דעמאלט ווען איך האב דיר אנגעזאגט, דו זאלסט דיך ניט חברן מיט צעסטיוס גאלוס. ער איז געגאנגען אויף יהודה מיט איין לעגיאן, דעם צוועלפטען, האסטו דען ניט געוואוסט אז איין לעגיאן וועט ניט איינשטילען די מרידה אין ירושלים?

ער איז דאך אבער ניט געווען אליין מיט איהם איז מיטגעגאנגען דער מלך אנטיוכוס און זיין חיל — האט זיך אגריפוס ווי פערענטפערט.

נו, וואס איז, אלץ צו ווייניג... דו זעהסט דאך ווער עס האט געהאט רעכט, דיינע אונטערטהעניגע האבען געמאכט א תל פון צעסטיוס מיליטער... הא, הא, הא... דיינע אונטערטהענער, אנטקעגען וועלכע דו האסט זיך נאכגעשלעפט הינטער צעסטיוסען.

— זעהסטו יעצט איז גאר אן אנדער זאך, היינט שטעהען געגרייט דריי לעגיאנען דער 5-טער דער 10-טער און דער 15-טער וועלכער געהערט צו טיטוס'ען. פערגעס ניט אויך אז אין אפיתולמא זיינען צוגעקומען צו די דריי לעגיאנען נאך אכצעהן פאלקען און פינף פאלקען רייטער זיינען געקומען פון קיסרית. אויסער דעם שטעהען נאך געגרייט 5 סירישע פאלקען, בערעכען אלזא, ווי שטארק און ווי גרויס איז אונזער מחנה

— אונזער מחנה? האט מיט פעראכטונג א ציה געגעבען די פלייצעס דער געוועזענער אידישער מלך.

— גאנץ געוויס אונזערע — האט שטאלץ געענטפערט בערעניקא, אזוי לאנג ווי דער שטארקער ליב וועספעסיאן קוקט מיר גלייך אין די אויגען און לעקט דאביי צו. און ביי זיין זוהן טיטוס שטארבען אב אלע גליעדער פון איינעם מיינעם א קוק... איז די מחנה אונזערע. נאך אמאל זאג איך דיר בערעכען נור ווי שטארק און ווי גרויס איז אונזער מחנה.

— דריי לעגיאנען אין דריי הונדערט טויזענד מענשען, האט דערוויל ענערגיש גערעכענט הורדוסעס עניקעל — צעהן פאלקען יעדער צו טויזענד אין סך הכל צעהן טויזענד, 13 פאלקען צו 600 איז 7800, צעהן ראטעם רייטער צו 120 איז 12 הונדערט, פרעמדע פאלקען צוזאמען איז 10500 יעצט בערעכען.

— עס איז שוין לאנג בערעכענט.

נו, זעהסטו שוין אז מיר פיהרען מיט אונז מעהר ווי 60 טויזענד טויטען.

טויטען, זאגסטו פאר וועמען?

פאר דיינע שונאים... אויף אזא מאסע האט זיך דער געלער ניט געקענט רעכענען. איהם האט זיך געדאכט אז קוים וועט ירושלים איהם אויסקליבען פאר א הויפט מאן וועל איך ווערען זיין ווייב... ער האט מיר זאגאר געגעבען אנצוהערעניש.

— ווער פלאוויוס? האט שוין בייז געפרעגט אגריפוס וועלכער איז געווארען געריהרט פון דער שוועסטערס לעצטע ווערטער. און דו האסט מיר קיין מאל ניט געזאגט דערפון.

איך האב דיר געוואלט פערשפארען דעם צער ווייל ביי דעם אלעמען האב איך דאך ליעב מיין טייערען ברודער, און „דער געלער" איז דאמאלס געווען שטארקער פון דיר. איהם איז ניט שווער געווען דיך אומצוברענגען אבי נור צו ערייכען זיין ציעל.

דאס וואס אגריפוס איז יעצט געוואהר געווארען פון דער שוועסטער, האט איהם שרעקליך אויפגעבראכט. דער שוואכער יורש פון הורדוסעס קרוין, דער מלך אהן אן אייגענעם ווילען און כאראקטער, איז ביז געווארען גוט אויף א געלעבטער און ניט קיין וואונדער.

(פארזעצ[illegible]ומט)

BUY
W.S.S.
WAR-SAVINGS STAMPS

שפארען, מיינט פארמאגען
ווען איהר ניט אפשפארען וועט איהר ניט האבען
דער בעסטער אופן צו שפארען איז אין וויינבערג'ס
סייווינג דעפארטמענט
א זעלטענע ערפינדונג ווי צו שפארען ביי אייך אין הויז, פון סענטען ווערען דאלאר, און פון איינציגע דאלארען הונדערטער
קומט אריין אין מר. וויינבערגס סייווינג דעפארטמענט און נעהמט א סייווינג באנק, א זאך וועלכעס וועט אייך נוצען ברייגנען
קלייבט ביי אייך אין הויז און דעפאנירט אין אידישען סייווינג דעפארטמענט פון
מר. ה. וויינבערג
BANKER
אפיס 251־53 קווין סטריט וועסט
אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענט

קויפט אייערע קוילען פון
יאנעווער בראדערס
וואו איהר בעקומט בלויז ראזשערס קוילען מיט ראזשערס [illegible]
אפיס 120 יוניווערסיטי עווענוי
טעל. קאל. 876

LOEW'S
לאעו'ס יאנג סטריט טהעאטער
אונאונטערבראכען
12 מיטאג ביז 11 נאכטמאג
נאכמיטאג 10 סענט, 15 סענט
אווענד 10 סענט 15 ס. און 25
טעל. מיין 3600 — הײ קלאס וואדעוויל — באקס סיטס רעזערווירט.
די וואך פון יאנואר דעם 27-טען
וויויאן מארטין אין „מאנדיי סמיילס"
דאס איז א זעהר שעהנע בילד וואס ווייזט אן א פרוי קען אימער באקומען דעם מאן וועלכען זי ליעבט אויב זי וויל נור. אויף'ן פארלאנג פון פובליקום האט דאס מענעדזשמענט פלאנירט צו ווייזען נאך א בילד פון די בארימטע קענעדער באטאליאנען אין פראנקרייך־ווייזענדיג דעם 15טען באטאליאן און די 48 היילאנדער פון טאראנטא ביי סאנט יוליאן. זעקס וואדעוויל אקטען. לאוס וועלכע [illegible] ענגלישע [illegible] מאט און דזשעף. די פארשטעלונג אין ווינטער גארדען וואו סיטס איז רעזערווירט איז דיזעלבע ווי אין לאוס.

וויכטיג פאר סטארקיפערס און פעדלערס!
מיר האבען א פרישען ליין ווימענס ווייסטען, אנדערסקוירטס, נייטגאונס, קארפעט קאווערס און גלאווס, אימפארטירט דירעקט פון יאפאן, און אנדערע פערשיעדענע דריי־גודס און מענס פורנישינגס צו די ביליגסטע פרייזען.
א ספעשעל ליין אין לידיס און מענס רעגענמאנטלען, אויף פערשיעדענע דזשאבלאטס צו די ביליגסטע פרייזען. גיט אונז א טרייעל און איבערצייגט אייך.
CAPLAN, WHOLESALE DRY GOODS
229 Queen St. W. TORONTO Phone Ad. 3772



היט זיך פון דער שפאנישער אינפלוענציע
מיידט אויס די איבערגעפאקטע און ענגע סטריט קארס, מיידט אויס די געפאהר פון אנשטעקען זיך
פאהרט אויף א בייסיקעל
און אטהעמט פרישע, ריינע לופט, ווארט ניט אויף שפעטער
רופט יעצט א בייסיקעל און קויפט פון $10 ביז 15 דאלאר
לויט דעם אלטען פרייז פאר קעש און ליכטע אויסצאהלונגען. מיר האבען א גרויסען סטאק עטוואס אן געניצטע בייסיקעלס. קומט און איבערצייגט אייך. צופרידענהייט גאראנטירט. אויטאמאבילס און טעקסיס צו פערענטען. טעלעפאנירט אדעלייד 3582.
ש. הימער (אייגענטימער)
PEERLESS BICYCLE WORKS
195 Dundas St. W. Tel. Ad. 3582

[illegible] 10, 15 און 25 סענט
HIPPODROME
די וואך פון יאנואר דעם 27-טען
וויליאם פאקס פרעזענטירט פעגי היילאנד אין 'חתונות ווערען געמאכט' הארט און עדווארדס, קאמיקער, בילי טעלאק אירען, קלאודיא טראסי קאמיקער, ראפי און קאלדוועל, שפילער, עמענט וועלש און א טאקיא טריא.

האמילטאנער אידען
אויפמערקזאם
צוליעב מאנגעל אין פלאץ, און אום צו קענען בעסער און בעקוועמער אטענדען אונזערע קאסטימער סיי אין סטאר סיי אין אפיס, בין איך געווען געצוואונגען צו פערגרעסערען
מיין סטאר און אויך דעם אפיס.
דער אפיס געפינט זיך יעצט אין דער געסטער בילדונג אין פארק סטריט. אין דעם נייען אפיס געפינט זיך יעצט א גרויסער אויסוואהל פון אידישע ביכער, ראמאנען, דיקשאנערים מעטאדעס, הומאר, דראמאס, חומשים, סידורים תנך'ס, א. ד. ג. די אלע ביכער ווערען יעצט פערקויפט מיט 25 ביז 50 סענט ביליגער ווי עס קאסט האלסייל.
אחוץ דעם בין איך יעצט ווי אימער בעפאר אייך צו דיענסט, פיר מערידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס, פאספארטען אויספילען, איינשווערען אירגענד וועלכע דאקומענט. און אויך דער איינציגער פערטרעטער פון אלע אידישע צייטונגען, פון האמילטאן, בראנטפארד, סענט קעטהרינס, קיטשנער, וועלאנד, לאנדאן און אומגעגענד.
אייער,
James L. SHEKTER
York & Parke St.
Phone 5416 Hamilton



אמת'ע
דיאמאנטען
מזומן
אדער קרעדיט
ווילסט זיכער צו קויפען ביי אונז דיאמאנטען. מיר זאגען [illegible] דירעקטע אימפארטירער פון דיאמאנטען. מיר האנדלען בלויז מיט דיאמאנטען. און מיר גאראנטירען אייך איינצושפארען ווייניגסטענס 20% אויף דעם וואס איהר קויפט. ווילסט זיכער צו זעהן אונזער גרויסען סטאק. מיר לאזען ארונטער א ספעציעלען דיסקאונט פון 10% פאר מזומן.
דזשייקאב בראס
15 טאראנטא ארקייד
געגענאיבער טעמפעראנס סט.

His Master's Voice
חזן
קאפלאנס
שיפס קאנטאר
איז דער פלייס וואו איהר קענט בעקומען אלע סארטען אינשורענס פון די שטארקסטע קאמפאניעס און די וויקטאר וויקטראלאס מיט רעקארדס בעקומט איהר
אין חזן קאפלאנס שיפס קאנטאר
297 קווין סט. טעלעפאן אדעלייד 239
מוהלשאפט און סידור קדושין נעהם איך אן מיט די בעסטע צופרידענהייט ווי אימער.

ווען איהר קויפט אן ארטיקעל דערמאנט דעם „אידישען זשורנאל".

אסטרייק
אין פאסלין שאפ
די קלאוק מאכער יוניאן פאדערט אויף אלע ארבייטער ניט נאכצופרעגען אויף ארבייט ביי דער
פאסלען פירמא
296 ריטשמאנד סטריט
(באקאנט אונטער'ן נאמען קינג עדווארד שאפ)

THE EATON COAL CO.
Phone Ad. 2696
איטאן קאהל קא.
אפיס 352 קווין וועסט טעל. עדל. 2696

זייגערס רינגען דיימאנדס
און אלעס וואס איהר פארלאנגט אין דער דזשועלרי ליין קריגט איהר ביי
איזידאר שאט
האלסייל און ריטייל דזשועלער
(לעבען ספעדיינע) פון 407 קווין סט. וועסט.
ספעשעל פרייזען אויף 14 קערעט גאלדענע זייגערס און משיינס, אלע סארטען וואלטהעם מאווּמענטס אימער אין סטאק צופריעדענהייט גאראנטירט.
I. SHOOT 407 QUEEN W.
Phone Adelaide 3390

לואיס מ. סינגער
לאיער און נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פאר אלע פראווינצען פון קענאדא
לאא אפיס 154 סימקא סטריט. טעלעפאן אדעלייד 919
וואוינונג 433 פאלמערסטאן בולווארד. טעלעפאן קאלעדזש 4365

ניו יארקער לערער
איך מאך בעקאנט דעם ווערטהען אידישען פובליקום, אז איך האב זיך אבגעטיילט פון הענדעלמאנען אלס א פארטנער, און איך האב אויפגעעפענט פאר מיר אליין א חדר. איך גיב די בעסטע אידישע ערציהונג, גאראנטיר פאר צופרידענהייט, איך בין אויך איינער פון די גרעסטע ספעציאליסטען צוגרייטען באיעס פיר בר מצוה פיר 2 מאנאט צייט וואס וועט איבערראשען יעדען צוהערער.
דוד גרינפעלד
לערער פון דעם ניו־יארקער חדר 166 יוקליד עווענוי טאראנטא.



מ. העלער
176½ קווין סט. וועסט טאראנטא
נייעס פאר אידען!
מיין אידישע סטאר פאר אידען
מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך איינ'ן פלאץ, חתונה רינגען, געמאכט ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי פאר דעם ביליגסטען פרייז.
14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוועיט, 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעניוועיט.
וואטשעס געקלינט גוט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, האר ספרינגס 40 סענט, דזשועלס 40 סענט, סטעמס 50 סענט. מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי ווי נייע פאר א קליינעם פרייז. אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט. מיר גיבען אייך רעעלע סחורה פאר דעם ביליגסטען פרייז.

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
• PUBLISHED BY •
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
251 - 253 Queen Street West
Telephone Adelaide 3967
Subscription Rates $5.00 Per Year
Single Copy — 2 Cents
Entered as Second Class Mail Matter at C.P.O. Toronto Ontario January 22nd. 1913

ווילען זיי צוריקגעהן?

ווי אנגעוויזען אין די נייעס, איז די יאנגם מענס קריסטשען אסאסיאיישאן איז גרייט צוריקצוציהען דעם באשלוס איהרען, וועגען איסטיילען די אידען אין באזונדערע קלאסען. לויט דער אינפארמאציע וועלכע מיר האבען, איז די י. מ. ק. א. ווילינג צוריק איינצופיהרען דאס אלטע סיסטעם פון אלגעמיינע קלאסען פאר אלעמען אהן שום אונטערשיעד. עס ווענדעט זיך יעצט דארום אין די אידישע יונגע לייט. — ווילען זיי צוריק געהן? אדער בעסער בלייבען אויסגעשלאסען.

לויט דעם ענטפער זייערען, וועלען זיי פארדיענען די נויטיגע אפשאצונג. וועלען זיי יעצט צוריקגעהן, נאכדעם ווי מען האט זיי אזוי מיאוס געשפיגען אין פנים אריין, דאן וועלען זיי צייגען, אז זיי זענען נאך ווייט פון צו זיין שטאלצע אידען, און אז זיי זענען ניט ווערט קיינעמס שטיצע און סימפאטיע. וועלען זיי צוריקגעהן, דאן מוזען זיך אלע אפשאקלען פון זיי, און מעהר מיט דער זאך ניט האבען צו טון. מיר ווילען אבער האפען אז דאס וועט ניט זיין די ענדע דערפון. אז די אויסגעשלאסענע אידישע מיטגליעדער וועלען זיך ניט צוריקקעהרען. ווי מען זאל זיי ניט רופען. עס זענען קלאהר די מאטיווען, ווארום די י. מ. ק. א. וויל יעצט ענדערען איהר באשלוס זיי האבען זיך ניט גערעכנט אויף אזא באשלוס פון אן אייגענעם אידישען צענטער, און עס ווילט זיך ניט פארלירען קיין עטליכע הונדערט מיטגליעדער. זיי האבען געגלויבט, אז דורך זייער באשלוס וועלען זיי אויספיהרען, אז עס זאלען זיין „אי דער וואלף זאט, און אי דאס שעפסיל גאנץ״, און געהט עס ניט, קעהרען זיי זיך אום אויף צוריק, ווי ביי יעדען אונגעלונגענעם פארזוך. זאלען זיך יעצט די אידישע יונגעלייט אומקעהרען, דאן וועט עס זיין ניט נאר א פאטש אין פנים, נאר פון צייט צו צייט וועט מען ווידער זוכען צו מאכען אזעלכע עקספערימענטען. וועט אבער זייער יעצטיגער רוף בלייבען אהן אן אפקלאנג, וועט עס זיין א גוטע לעהרע פאר זיי, אז אידען זענען ניט קיין באל, מיט וועלכען מען קען זיך שפיעלען ווען מען וויל, און ווי אזוי מען וויל.

ניט צוריקגעהן — און דאס וועט זיי אויסלערנען, אז אויך אידען האבען שטאלץ אין זיך, און לאזען זיך ניט טרעטען פון אומריינע פים.

וואס עס פעהלט אונז יעצט

מיט דער אויסנאהמע פון איינוואנדערער פון קובא, מעקסיקא, קאנאדא און ניופאונדלענד, רעקאמענדירט די אימיגראציאנס קאמיטע איינשטימיג צום אמעריקאנער קאנגרעס, אז א געזעץ זאל אנגענומען ווערען, וואס זאל פארבאטען די איינוואנדערונג אין די פאראייניגטע שטאאטען אויף א משך פון פיער יאהר צייט.

קאנגרעסמאן בוירנעט, וואס איז אויך דער טשערמאן פון דיעזער קאמיטע, האט אלזא שוין צו פארציכנען א צווייטען זיג נאך דעם „ליטערעסי טעסט ביל״, ווייל עס איז דאך גאנץ זיכער, אז דאס רעפרעזענטאנטען ־ הויז וועט אננעהמען זיין און דער קאמיסיעס רעקאמענדאציע, נאך דעם ווי זיי האבען אנגענומען דעם „ליטערעסי טעסט״ אפילו געגען פרעזידענט ווילסאנ׳ס וועטא.

די געגנער פון איינוואנדערונג טריאומפירען שוין אלזא, און עס פרעגט זיך, ווי ווייט וועט עס בעאיינפלוסען אונזער קאנאדא. אין דער געזעצגעבונג שלעפען מיר זיך זיי נאך גאנץ אפט, און אזעלכע באשלוסען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ, וועלען געוויס א שטוים געבען אטאווא, אז זי זאל אויך געהן אויפ׳ן זעלבען וועג. מיר קענען זיך דארום דא ריכטען אויף א רייהע אימיגראציאנס באשרענקונגען, סיידען מען זאל שוין נעהמען שריט באצייטענס, און וועקען די געזעלשאפטליכע מיינונג, אז קאנאדא, א לאנד אין גאנצען פון אכט מיליאן מענשען, דארף ניט געהן אויף דעם וועג פון באשרענקונגען, אויף וועלכען עס געהט א הונדערט מיליאנען פאלק מיט פיעל קלענערע נאטור ־ רייכטימער, ווי קאנאדע פארמאגט.

אויב פאר די פאראייניגטע שטאאטען איז די יעצטיגע עמיגראציאנס ־ פאליטיק איהרע, א שעדליכער עקספערימענט, איז עס אבער פאר קאנאדע א געפאהר, און מען דארף אויף דעם אויפמערקזאם מאכען אטאווא, איידער עס איז צו שפעט.

עס פעהלט אבער דערווייל די ארגאניזאציע, וואס זאל עס טון.

שיקט דעלעגאטען

מיר ווענדען זיך מיט דיעזע ווערטער צו אלע אידישע קהלות ארום טאראנטא.

שיקט דעלעגאטען צו דעם קאנגרעס ־ קאנפערענץ וואס ווערט דעם זונטאג געהאלטען אין טאראנטא.

די קלענערע אידישע קהלות באטייליגען זיך געוועהנליך גאנץ ווייניג אין אלגעמיינער אידישער טעטיגקייט. דאס דארף אבער ניט זיין דער פאל מט׳ן געפלאנטען אידישען קאנגרעס — אלע מוזען זיך פארבינדען אין איין גאנצעס, און מיט פאראייניגטע כוחות פארבעסערען דארט, וואו פארבעסערונגען דארפען געמאכט ווערען.

אידישע קהלות פון אנטאריא — רייסט זיך ניט אפ פון כלל — שיקט דעלעגאטען צום זונטאגדיגען קאנפערענץ, וואס איז דער ערשטער [illegible] צום לאנג געגארטען קאנגרעס פון אלע קאנאדער אידען.

די ענטוויקלונג פון דער אידישער פאלעסטינא

זעלבסט רעגירונג אנגעפאנגען קאלאניסטען נעהמען צונויף די טעקסעס אידישע פאליציי ארגאניזירט. אראבער צופריהדען מיט זייערע שכנים

דער אויספיהרליכער און קלאהרער בעריכט פון פראפעסאר וויצמאן וועגען דער ארבייט פון דער ציוניסטישער קאמיסיאן אין ארץ ישראל, וועלכען ער האט געגעבען אויף דער העכסט היסטארישער ארגאניזאציאן פערזאמלונג אין לאנדאן, בעלייכט זעהר שטארק די לאגע און אומשטענדען אין ארץ ישראל און פערשטארקט פיעל אונזערע האפנונגען אויף אונזער הייליג לאנד.

פראפעסאר וויצמאן האט אנגעהויבען זיין רעדע מיט א הארציגען דאנק פון דער קאמיסיאן צו נחום סאקאלאוו פאר זיין אנגעהן אין לאנדאן מיט די גרויסע און שווערע ארבייטען. ער האט דאן אויסגעדריקט גרויס אנערקענונג צו גענעראל אלענבי אלס בעפרייער פון ארץ ישראל און פארטגעזעצט:

די ארבייט פון דער קאמיסיע איז געווען זעהר גרויס און פיעל פאביג.

די יעניגע וועלכע האבען געלייענט די אינסטרוקציעס פון דער קאמיסיע, איידער זי איז אייעק, האבען געוויס בעמערקט אז די אויפגאבע וועלכע מיר האבען אויפגענומען איז איינגעטיילט געווארען אין צוויי גרופען. דאס ערשטע איז געווען ארומצוגעהן מיט דער ניט־אידישער וועלט, און דאס צווייטע: צו ארגאניזירען און פעסט אוועקשטעלען די אידישע קהלה אין פילאדעלפיא. לאמיר פריהער פון אלץ בעריהרען די פראגע וועגען אונזערע בעציהונגען צווישען אונז און דער ענגלישער אדמיניסטראציע, וועלכע איז געבויט געווארען פאר דעם איינציגען צוועק: צו געווינען די מלחמה. ווען מיר זיינען אנגעקומען קיין פאלעסטינא איז די אלגעמיינע פאליטישע און מיליטערישע לאגע, אי אין מערב אי אין מזרח, געווען, קאן מען זאגען שטארק קריטיש. מיר האבען געלאנדעט אין עגיפטען, אין דער צייט ווען די נייעס פון דער שרעקליכער דייטשער אפענסיווע וועלכע האט זיך אנגעפאנגען אין מארטש איז דורכגעפיהרט געווארען, און כאטש די טעלעגראמען האבען ניט קלאהר גענוג דערצעהלט וואס עס קומט פאר אין אייראפא, איז עס דאך געווען דייטליך אז די לאגע דארט איז געווען שטארק קריטיש. דאס האט געהאט א געוואלדיג גרויסע ווירקונג אויף׳ן מלחמה פעלד אין מזרח, און אויף דער אלגעמיינער פאליטישער לאגע. דער מלחמה קאמפיין אין פאלעסטינא וועלכער האט זיך געהאט אנגעהויבען אזוי גלענצענד האט פלוצלונג געמוזט זיך אפשטעלען. די מעהרסטע פון די ווייסע מיליטער האט מען געמוזט צוריקציהען און די גאנצע ארמיי האט מען געמוזט איבער ארגאניזירען, און דערפאר האט מען געמוזט פערמיידען יעדע זאך וואס וואלט שווערער געמאכט די לאגע פון די ענגלישע מיליטערישע בעאמטע. יעדע זאך וואס וואלט שווערער געמאכט זייער משא וועלכע איז שוין אויך אזוי געווען גענוג שווער — פערמיידען אום יעדען פרייז.

און עס איז קיין סוד ניט געווען אז דאס אנקומען פון דער קאמיסיע קיין פאלעסטינא, אפילו קיין עגיפטען האט געבראכט שוועריגקייטען פאר די ענגלישע מיליטערישע בעאמטע צוליעב צוויי אורזאכען:

ערשטענס, וואס די לאקאלע בעפעלקערונגען אין עגיפטען און פאלעסטינא האבען גארניט געוואוסט וועגען ציוניזם און די יעניגע וואס האבען יא געוואוסט וואס ציוניזם מיינט, האבען געטהאן אלעס אין דער וועלט צו פערהינדערען די אמת׳ע ציעלען און שטרעבונגען פון ציוניזם, און האבען אונז צוגעשריבען ציעלען און פערלאנגען, וועגען וועלכע מיר האבען אפילו קיינמאל ניט געחלומט.

די אראבער זיינען צופרידען.

מען האט אונז בעטראכט אלס די אידען וואס זיינען געקומען קיין פאלעסטינא ארויסצושטופען די ארימע אראבישע פאלאכען פון זייער לאנד. אריינצוכאפען אין אונזער האנד אלצדינג אין פאלעסטינא און באלד צו גרינדען דארט א אידישע רעגירונג וועלכע וועט מסתמא פרובירען אונטערצודריקען אלעס וואס איז ניט אידיש, און אט דאס אונגעפעהר זיינען געווען די שטרעבונגען און די ציעלען וואס זיינען צוגעשריבען געווארען צום ציוניזם. די ענגלישע בעאמטע האבען געטהאן דאס בעסטע צו האנדלען געגען אט דיעזע אלע ניט ריכטיגע קלאנגען און אנדייטונגען, אבער ערשטענס האבען זיי ניט געהאט גענוג צייט אפצוגעבען זיך צו דיעזער זאך. און צווייטענס האבען זיי אליין ניט געוואוסט זעהר פיעל וועגען ציוניזם, צו זיין אים שטאנד צו האנדלען געגען אט דיעזע פאלשע קלאנגען.

בנוגע דער לאגע צווישען די אידען און אראבער אין פאלעסטינא האט וויצמאן ערקלעהרט אז די אמת׳ע ארבייטער אראבער די פאלאכען זיינען גאנץ צופרידען מיט זייערע ציוניסטישע שכנים, דאס זיינען די עפענדים, ווער עס אטאקירט דעם ציוניזם. די עפענדים וועלכע וואהנען נאר ניט אין פאלעסטינא מעהרסטענס און וועלכע קלאהרען גאר אפילו ניט ווען עס איז צו וואהנען דארט. זיי עקספלואטירען דאס לאנד און האבען מורא פאר א יושרדיגער רעגירונג אין פאלעסטינא.

דאס זעלבסט רעגירונג פון די קאלאניסטען האט זיך אין די ערשטע שריט ענטוויקעלט אין צוויי וועגען — האט דר וויצמאן ערקלעהרט: דאס איז געווען אין מאנאט דזשון, ווען די בעפעלקערונג דארף געוועהנליך צאהלען טעקסעס. די פריהערדיגע טערקישע סיסטעם איז געווען, אז א בעאמטער פון דער טערקישער רעגירונג פלעגט קומען נאך די טעקסעס ער פלעגט אריינגעהן למשל, צו איינעם אין ווייינגארטען און זאגען: דער שניט פון היי יאהר וועט ווערט זיין לאמיר זאגען צוויי אדער טויזענד פראנקען, און אזוי ארום דארפט איהר צאהלען צעהן פראצענט פון דער הכנסה. און אמת׳ן האט דיעזע צעהן פראצענט זעהר אפט געווען צוואנציג, דרייסיג און אויך פיעלע מאל פופציג פראצענט, ווען דער שניט איז ניט געווען אזוי ווי פאראויס געזאגט, און די מארקעט פרייזען זיינען געווען פערשיעדען. דערצו נאך האבענדיג אין זינען די פערדארבענע טערקישע אנגעשטעלטע קאן מען זיך שוין פארשטעלען וואס דאס טעקס צאהלען אין טערקיי האט געמיינט. די ענגלישע בעאמטע האבען דאס אלעס עקזאמינירט און געזעהען אז רעפארמען אויף דיעזען געביעט מוזען געמאכט ווערען. אין די ערשטע איז געווען אז טעקסעס זאלען ניט גענומען ווערען אין מין, נאר אין געלד, דאס איז געווען זעהר וויכטיג. דאן האט די קאמיסיאן צוגעשטעלט א ביטע צו די ענגלישע בעאמטע, אז פון די אידען זאלען די טעקסעס ניט גענומען ווערען פון אן אראבישער קאמיסיאן, נאר פון א אידישער, וואס עס איז אויך באוויליגט געווארען. דאס איז געווען דער ערשטער עקספערימענט פון זעלבסט רעגירונג, און עס האט אויך געהאט גלענצענדע רעזולטאטען. די הכנסה פון דיעזען יאהר כאטש דער שניט איז צוליעב מלחמה אורזאכען געווען מיט א 25 30 פראצענט קלענער ווי לעצטען יאהר, האט אריינגעבראכט דער ענגלישער רעגירונג פון די אידישע קאלאניעס כמעט צוויי מאל אזוי פיעל ווי לעצטען יאהר און די אידישע קאלאניסטען האט עס געקאסט ארום פופציג פראצענט ביליגער אן עהנליכער עקספערימענט איז געמאכט געווארען צו ארגאניזירען א אידישע פאליס. די ענגלישע רעגירונג האט אונטערגענומען צו ארגאניזירען א אידישע פאליס פאר די אידישע בעפעלקערונגען, א פאליס וועלכע וועט זיך דערנאך ענטוויקלען אין אן אלגעמיינע אידישע פאליס ארגאניזאציאן.

דיעזע צוויי פערזוכען זיינען גאנץ גענוג צו איבערצייגען, אז אויב אפילו דאס איז א לאנגזאמער וועג פאר דער ענטוויקלונג פון זעלבסט רעגירענדע אידישע קהלות איז עס דאך א גוטער און זיכערער וועג, וועלכער וועט זיכער פיהרען צו אונזערע געווינשטע רעזולטאטען.

דורך דער צייט וואס מיר האבען זיך געפונען אין פאלעסטינא, האבען מיר איבערגעלעבט איינע זעהר א שווערע פראבלעם.

די ענגלישע מיליטערישע בעאמטע האבען געפונען פאר נויטיג צו בעזעצען פתח תקוה. [illegible] איז איבעריג צו בעשרייבען וואס דאס האט געמיינט פאר פתח תקוה וועלכע שטעלט מיט זיך פאר ארום א דריטעל פון גאנצען אידישען אייגענטום פון יהודה. די מיליטערישע בעאמטע האבען אבער געטהאן אלעס וואס זיי האבען געקאנט צו פערהיטען די קאלאניע פון שאדען, און צוזאמען מיט דער ציוניסטישער קאמיסיאן אין דער קהלה פון פתח תקוה איז דאס בעזעצען פון פתח תקוה צוגעגאנגען אזוי אז קיין שאדען איז ניט פערורזאכט געווארען. די קאלאניסטען און די פלאנטאציעס זיינען געראטעוועט געווארען פון דראהענדען חורבן.

פאלעסטינא און די מלחמה

די אידיש באפעלקערונג אין פאלעסטינא האט געוועהנליך געליטען פון דער מלחמה. עס וועט אבער זיין איבערטריבען צו זאגען אז זי האט מאטעריעל פיעל געליטען. גייסטיג, אמת, האט זי זעהר פיעל געליטען. דאס אונזיכערקייט דורך די פיער יאהר מלחמה, דאס בלינדע ארומוואלגערען זיך, ניט ווייסענדיג מה יולד יום, און דער שטענדיגער יאך פון דער טערקישער רעגירונג דאס אלעס האט זעהר פיעל און שלעכט געווירקט אויף דער אידישער בעפעלקערונג. אפגעשניטען פון דער גאנצער וועלט, חילפלאז ניט האבענדיג קיין מעגליכקייט זיך צו שטעלען אין פערבינדונג מיט דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן, און מיט אידען בכלל — איז די לאגע זייערע געווען א שרעקליכע, און לאמיר אויך זאגען, אז אויב עס עקזיסטירט נאך אן אנהויב פון א אידישער היים אין פאלעסטינא, האבען מיר עס צו פערדאנקען אט דיעזען הייפעלע העלדען, וועלכע זיינען געבליבען אויף זייערע פאסטען און האבען פארטיידיגט די אידישע פאזיציע, און דיעזע גרויסע און הייליגע ארבייט איז גלייך געטהאן געווארען פון אלע קלאסען פון דער אידישער בעפעלקערונג אשכנזים אדער ספרדים, ארבייטער, פויערים, לעהרער, אלע אלע.

די אלגעמיינע לאגע פון די אידישע קאלאניעס איז, קאן מען זאגען, זעהר צופריעדענשטעלענד, מיט דער אויסנאהם פון פתח תקוה. פערשטעהט זיך אז עס ווערט געמיינט די קאלאניעס אין יהודה. די אנדערע קאלאניעס האבען מיר ניט געזעהען, ווייל זיי זיינען געווען אונטער דער ליניע. כפר סבא, וועלכע שטעלט מיט זיך פאר א גרויסע אידישע אייגענטהום איז לויט בעריכטען אין גאנצען פארניכטעט געווארען. די קאלאניעס וועלען זיך נויטיגען אין שטיצע, אבער עס איז זיכער, אז דאס ווארט דאפיר וועט ארויסגעזאגט ווערען, וועט עס געפינען אן אבקלאנג אין די הערצער פון אונזער פאלק. עס איז אינטערעסאנט צו בעמערקען, אז די קאלאניעס זיינען פערמארגיידזשט אויף פופצן און צוואנציג פראצענט פון זייער ווערטה. ווער עס פערשטעהט זיך אין דיעזע ענינים וועט גלייך איינזעהען אז דאס איז ניט קיין שווערער מארטגיידזש.

העברעאיש אין פאלעסטינא.

עס איז ניט איבערטריבען ווען מען זאגט, אז העברעאיש אין פאלעסטינא איז א לעבעדיגע שפראך, אבער מען מוז אויך געדענקען אז דער וואוקס פון דער העברעאישער שפראך מוז שטארק געהיט און אונטערשטיצט ווערען. מיט׳ן אנלויף פון נייע עלעמענטען אין פאלעסטינא, וועט עס זיין שווערליך אנצוגעהן מיט׳ן העברעאיזירען דאס אידישע לעבען אין פאלעסטינא, סיידען פערהיטענדע מיטלען זאלען אנגענומען ווערען. עס איז שווער צו ערווארטען פון נייע עמיגראנטען אין דעם לאנד אז זיי זאלען רעדען העברעאיש ווי עס רעדט די יונגווארג וועלכע האט זיך געלערענט אין ארץ ישראל, און עס וועט זיין נויטיג פאר דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן צו צוגרייטען די אויסער פאלעסטינא אזוי אז די וועלכע וועלען קומען קיין פאלעסטינא זאלען זיין אומשטאנד זיך צוצופאסען צו דעם העברעאישען לעבען אזוי גיך ווי מעגליך. ווער עס איז בעקאנט מיט דעם ציוניסטישען בודזשעט ווייס אז מעהר פון אלץ ווערט אויסגעגעבען געלד אויף בילדונג.

רעליעף, חלוקה, גאולה פאנד

רעדענדיג וועגען רעליעף וואלט איך וועלען זאגען עטליכע ווערטער וועגען חלוקה. מען דארף געדענקען אז דאס רעליעף געלד וואס איז אריינגעקומען איז ניט געווען ריין ציוניסטישע געלד, און מיר זיינען בלויז געווען טראסטים איבער׳ן געלד, און האבען קיינע רעכטע ניט געהאט צו בענוצען עס פאר ציוניסטישע צוועקען. און מיר האבען עס דערפאר טאקי שטארק אפגעהיט. אונזער ציוניסטישער פאנד איז געווען דער גאולה פאנד וועלכער איז געגעבען געווארען צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן, און וועלכען מיר האבען באנוצט פאר צוועקען, וואס מיר האבען געצייכענט פאר ציוניסטישע, און וועגען וועלכען מיר ווילען אפגעבען א בעריכט. מיט די רעליעף געלדער האבען מיר געמוזט נאכפאלגען די ווינשע און אינסטרוקציאנען פון די געבער. איך בין זיכער אז דאס געלד איז צוטיילט געווארען אויף א העכסט עהרליכען אופן ניט קריוודענדיג קיינעם, און ניט מאכענדיג קיין אונטערשיעד צווישען די ספרדים און אשכנזים. א ראיה דערצו איז דאס וואס די ספרדים טענה׳ן אז די אשכנזים האבען געקראגען מעהר און די אשכנזים טענה׳ן דאס פארקעהרטע.

אין ירושלים אליין האבען מיר אויסגעגעבען צווישען 50 טויזענד און 60 טויזענד דאלאר, א העלפט פון וועלכע עס איז אוועקגעגאנגען, קאן מען זאגען אויף פשוט׳ע, ניט ארגאניזירטע, און אונפראדוקטיווע צדקה. די אנדערע העלפט איז שוין אוועקגעגאנגען אויף קאנסטרוקטיווע רעליעף ארבייט. דאס איז א זעהר ניט פינקטליכע בערעכענונג, און מיר האבען זיך בעמיהט צו בייטען די פראפארציאן, אזוי פיעל ווי מעגליך, אויף דער זייט פון קאנסטרוקטיווער בגיאונג. אבער דאס האט נור געקאנט געטהאן ווערען לאנגזאם ווייל מען דארף געדענקען אז די זקנים האט מען געמוזט געבען עסען, זיי זאלען פשוט ניט אויסגעהן פון הונגער און פאר די יתומים האט מען אויך געמוזט האבען א דאך ווי אויך עסען. דאס אנפיהרען פון א נייע ראציאנאלע סיסטעם פון רעליעף אונטער מיליטערישער אדמיניסטראציע וואו טראנספארטיישאן איז זעהר שווער, און וואו דער אימפארט פון עסענווארג איז גאר שווער, איז געווען ניט פון די גרינגע זאכען.

איינע פון די וויכטיגסטע פראגען פון רעליעף איז געווען דער למוד, דער טראדיציאנעלער למוד, איך מיין דאס שטיצען די ישיבות און תלמוד תורה׳ס, וועלכע זיינען דוקא ניט קיין ציוניסטישע געגטערען. מיר האבען אריינגערעכענט די סומע פון 18,950 א מאנאט אונגעפעהר $250,000 א יאהר, און מיר האבען אין פיל צופריעדענגעשטעלט דעם בודזשעט פון די אינסטיטוציאנען. מיר האבען עס געטהאן גאנצע דריי מאנאטען, ווייל מיר האבען געפיהלט אז פריהער פון אלץ האט מען געמוזט אויפמינטערען די דארטיגע מיט עסען. זיי האבען געמוזט צו זיך קומען פון דער שווערער צייט וואס זיי האבען דורכגעלעבט, און אגב מען האט געטראכט וועגען רעפארמירען די אינסטיטוציעס האט מען פריהער געמוזט זיי אביסעל פערשטארקען און אויפהאלטען, אבער אויך קאן מען מיט פולען געוויסען ניט זאגען, אז מיר זיינען צופריעדען מיט דער פערטיילונג פון די געלדער. מיר מוזען זאגען, אז די רעזולטאטען פון די שולען קומען ניט נאך לויט דער מיה און ארבייט וואס איז אויף זיי געלעגט געווארען.

אלעס אין ירושלים, די גאנצע ארגאניזאציע פון דער ירושלים׳ער געמיינדע דרעהט זיך ארום דיעזער ספעציעלער פראגע, און אזוי לאנג ווי דיעזע פראגע איז ניט פערענטפערט איז עס כמעט אונמעגליך צו ריידען וועגען אן ארגאניזירטער אידישער געמיינדע אין ירושלים און עס איז אונזער פליכט און עהרע צו שענקען ירושלים אונזער פולסטער און גרעסטער אויפמערקזאמקייט, יא מיינע חברים. איך האב געווידמעט זעהר פיעל פון אונזער צייט און אויפמערקזאמקייט צו דיעזער פראגע. מיר האבען זיי אויפגענומען מיט די פערשיעדענע אידישע געמיינדעס און אינסטיטוציעס, מיט די פערשיעדענע פארשטעהער פון די אינסטיטוציע פילאנטראפישע אזוי גוט ווי ערציהערישע. מיר האבען זיך בעמיהט פארנאנדערצוקלייבען אוים דעם כאאס און פעסטצושטעלען א וואסער עס איז סיסטעם. איך קאן ניט מאכען די בעהייפטונג אז עס איז אונז אינגאנצען געלונגען, אבער איך גלויב אז מיר האבען געמאכט אן עהרליכען אנהויב. אמת א זעהר בעשיידענעם אבער ער איז געמאכט געווארען, און עס איז ניט מעהר ווי רעכט פעסטצושטעלען אז די קאמיסיע האט ניט געהאט גענוג מענשען וואס זאלען זיין פעהיג צו בעשעפטיגען זיך מיט אט דיעזען פערוויקעלטע פראבלעם.

די איינציגע פערזאנען וואס וואלטען פעהיג געווען דאס צו טהאן זיינען ליבעראלע, ארטהאדאקסישע אידען און ביז ירושלים וועט ניט האבען א צענטראלע פיגור אין דער פערזאן פון א רב וועלכער וועט זיין געוואקסען פאר דיעזע וויכטיגען און ווירדיגען פאסטען, וועלען די אנגעלעגענהייטען אין ירושלים און די שולען אין ירושלים ניט געהן גאט ווייס ווי עס דארף צו זיין. מיר האבען זיך בעמיהט צו קורירען די קערפערשאפט פון אט דיעזע שולען, און נור איין גאט ווייס וואס פאר א שווערע ארבייט דאס איז.

און וואס אנבעלאנגט די נשמה פון דיעזע שולען, איז עס פאר אונז זעהר שווער געווען אהין אריינצודרינגען. מיין פערזענליכער איינדרוק איז, אז דער מאטעריאל וואס שטעלט מיט זיך פאר די ירושלים׳ער שולען, בעשטעהט פון 343 ישיבות ביי א 135 וואס מען רופט בי־כארישע און ביי א 1000 שילער פון די תלמוד תורות. אלע צוזאמען ביי א 2034 וואס געהען אריין אין דיעזער ערציהערישער סיסטעמע א חוץ די פרייע מלמדים, די ראשי ישיבות א. אז. וו.

און פון אט דיעזען מאטעריאל — איהר וועט מיר מוזען ענטשולדיגען פאר מיין הארטען אויסטייל — זיינען ביי א 25 פראצענט אהן דעם מינדעסטען ווערטה און זיי דארפען אויסגעריינינגט ווערען אוים די שולען אזוי שנעל ווי מעגליך און טארען ניט פאלען אלס א לאסט אויף דעם שווערען בודזשעט. וואס איך האב איך דא פארגעבראכט. מעג עס אייך קלינגען גרויזאם — מיר האבען אבער די זאך גרינדליך אונטערזוכט.

אבער דערמיט וואס איהר וועט דאס בעוויטיגען האט איהר נאך גאר ניט געטהאן. איהר וועט בלויז האבען געטהאן דאס נעגאטיווע. און מיר שיינט אז דער איינציגער וועג, ווי אזוי צו פערענטפערען אט דיעזע ספעציעלע ערציהונגס פראגע אין ירושלים איז — א חוץ דער גרינדונג פון א ריכטיגער ראבינער שולע אין ירושלים — די איינריכטונג פון א מאדערנער און גוטער ישיבה, א ישיבה וואס זאל ערזעצען אלע עקזיסטירענדע און גאנצען דעגנירירטע אינסטיטוציעס, — צו דאס דארף איינגעריכטעט ווערען אין ירושלים, צו אי אין ירושלים אי אין אן אנדער שטאדט — איז ניט פאר מיר צו ענטשיידען.

ירושלים איז כמעט דער איינציגער פלאץ אויף דער גאנצער וועלט, וואו די פארזעצונג פון אידישע טראדיציעס איז מעגליך. מיר ווייסען ניט ווי אזוי עס זעהען איצט אוים ווילנא און ווארשא. עס איז מעגליך אז די גרויסע צענטערס פון תורה וואס מיר האבען געהאט אין גלות זיינען היינט צו טאג צושטערט. און עס איז דערפאר די צווייפאכע און דרייפאכע פליכט פון דעם אידישען פאלק צו אונטערשטיצען די צענטערס פון תורה, וועלכע זיינען ניט צושטערט געווארען. און איך האף אז פון היינט אן וועט אויסגעבויט ווערען א גאלדענע בריק צווישען די נייע און מאדערנע ישיבות אין ירושלים און דעם אוניווערזיטעט אויף דעם הר הזיתים.

מיר שיינט אז די ארבייט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און די ארבייט פון דער קאמיסיע וועלכע איז דאך א שפראצלינג פון אונזער ארגאניזאציע, שלאגען אין די ריכטיגע וועגען. אבער נור ווען מען איז אין פאלעסטינא קאן מען פערשטעהן וואס פאר אן אויפגאבע עס שטעהט אונז נאך פאר.

איך בעט אייך פארגעסט ניט אז דאס שטעהען מיר דאך עפעס אויף דער שוועל פון די פאסירונגען און איך וואלט נור וועלען אז די גרויסע צייט זאל אויך געפינען א גרויסען דור. אין דער געשיכטע פון אונזער בעוועגונג קאנען מיר אנווייזען אויף א קליינער צייט וועלכע האט אנגעטראפען אויף א גרויסען דור. מיר מיינען די צייט ווען מיר האבען אנגעהויבען בויען אונזער ישוב. די באדינגונגען האבען דאך כמעט ניט פארשפראכען די מינדעסטע האפנונגען, און דאך! דערמאהנט אייך נור אן די וועלכע האבען אויפגעבויט קאלאניעס פון דעם זאמד ארויס, וועלכע האבען פערוואנדעלט וויסטענעס אין גערטנער.

די אויפגאבע וואס מיר האבען פאר זיך איז אהן א פערגלייך ברייטער, אהן א פערגלייך קאמפליצירטער פון דער אויפגאבע וואס זיי האבען פאר זיך געהאט. מיר קאנען מעהר ניט זיין צופריעדען מיט די זעלבע רעזולטאטען וואס זיי האבען ערדייכט, ווייל וואס עס האט אויסגעזעהען גרוים און פיין מיט צעהן יאהר צוריק וואלט אויסגעזעהן [illegible] אין נישטיג אין דיעזער אומשטאנד [illegible] אויף אונז ארויף א זעהר שווערע פערפליכטונג אנטקעגען אונזער פאלק און אונזער בעוועגונג.

איך גלויב אז די פאליטישע בעדינגונגען פאר דער איינריכטונג פון דער אידישער נאציאנאלער היים וועלען זיך זיין געאחדענט. איך גלויב אז זיי וועלען איינגעארדענט זיין צו אונזער גונסטען, ווען נאר מיר וועלען ווענינסטענס האבען רעאליזירט אונזערע פונדאמענטאלע פאדערונגען, אבער ערשט דעמאלסט וועט קומען אונזער רייהע צו וואכען. די ריכטיגע און ווירדיגע תשובה — אויף דער באלפור דעקלאראציע, און דיעזע תשובה קאן ניט געגעבען ווערען נור אין געלד. זי קאן געגעבען ווערען מיט מענשען און איבערגעגעבענע ארבייט.

און אט פאר דיעזער ארבייט מוז זיך יעדער ציוניסט פארבערייטען. און ווען דער רוף וועט קומען מוזען מיר זיין פעהיג צו ענטפערען מיט אונזער בערייטקייט: קאטעגאריש און אהן בעדינגונגען,, אט אזוי — ווי די פאלעסטינער האבען געענטפערט. זיי האבען געגעבען אלעס וואס מענשען קאנען געבען פאר א בעוועגונג און אין דעם ליגט דער סוד פון זייער ערפאלג. דאס איז די איינציגע זאך וואס האט בעאונרוהיגט אייער קאמיסיע אין פאלעסטינא. איז עס וויכטיג אז ווען דער קול פון דעם שופר וועט דערגרייכען דאס אידישע פאלק, וועלען זיי זיך אויפהויבען אזוי ווי איין מענש און געבען די ריכטיגע תשובה? אין פאלעסטינא, ווי איך האב שוין געזאגט האבען זיי דעם ענטפער געגעבען טיילווייז דורך די פאלעסטינער אליין, דורך זייער ארבייט, דורך זייערע ערפאלגען זייער איבערגעבענהייט, און אויך דורך די יענע פאלעסטינער וועלכע זיינען ניטא שוין צווישען די לעבעדיגע, און איהר זעהט אט דיעזע פאלעסטינער פון טויזענדער און טויזענדער יאהרען צוריק ווי זיי שטעהען אויף פון זייערע קברים און מיר הערען צו אייך: טייערע קליינע קינדער אונזערע, איהר האט פאר אייך א גראב דיעזע אויפגאבע, אבער מיר ריעזען וואכען איבער אייך.

און איך האף אז אויך איבער אייך וואכען זיי, און איך הויב אויף מיין געבעט אז איהר זאלט אייך ארויסווייזען ווירדיג פאר אט דיעזע ריעזען. ווירדיג פאר צוזעצען די טראדיציעס פון יענע וואס האבען אויפגעשטעלט דאס אלטע פאלעסטינא און פון יענע וואס האבען אויסגעבויט דאס מאדערנע פאלעסטינא.

דער פועלי ציון מיניסטער אין אוקראינע

פון משה צעשינסקי

ספעציעלע טעלעגראמען צו די אידישע צייטונגען מעלדען, דאס די אוקראינישע רעגיערונג האט באשטימט דעם פועלי ציוניסט ראוואצקי פון קיעוו אלס מיניסטער איבער אידישע ענינים. ראוואצקי, אדער אונטער זיין שטענדיגע אונטערשריפט ש. שלימאוויץ איז איינער פון די אנגעזעהענסטע און פאפולערסטע פועלי ציון פיהרער ביי היינטיגע, טאג פון די רוסישע פועלי ציון בעוועגונג.

ניט פון היינט און ניט פון נעכטען קאנען מיר זיין נאמען און זיין גרויסע אונערמידליכע ארבייט לטובת דער פועלי ציוניסטישער בעוועגונג און פערווירקליכונג פון איהרע גרויסע אידעאלען. נאך מיט יאהרען צוריק האט ראוואצקי צוזאמען מיט דעם בעוואוסטען פועלי ציון פיהרער זרובבל ארויסגעגעבען א בראשורע אונטער דעם נאמען „די בעדייטונג פון פאלעסטינא ארבייטער פאנד" וואס האט אין יענער צייט געמאכט דעם שטארקסטען רושם אין די פועלי ציון קרייזען ווייל אין דער בראשורע האט זיך געפונען א זעהר וויסענשאפטליכע אפהאנדלונג און גענויע ערקלעהרונג וועגען דער בעדייטונג פון דעם פאלעסטינא ארבייטער פאנד.

ראוואצקי פלעגט יאהרען לאנג ארום פאהרען איבער שטעדט און שטעדטלאך פון דעם גרויסען און ברייטען רוסלאנד אין יענער צייט ווען די ווילדע רוסישע רעאקציע האט געוויאלדעוועט אויף דעם העכסטען אופן, אין דער צייט ווען די אידישע אינטעליגענץ פלעגט איינציגווייז פערלאזען די ארבייטער ארגאניזאציעס, פלעגט ער אבער שטעהן אויף דער וואך פון די אידישע ארבייטער אינטערעסען, אונטער א פערשטעלטען נאמען און פסעוודאנים פלעגט ער פארזעצען זיינע בעלעהרענדע און אינהאלטסרייכע רעפעראטען וועגען פועלי ציוניזם, און זיין פערווירקליכונג, און וועגען א גאנצע ריהע אנדערע וויכטיגע טהעמאס וואס האבען א שייכות געהאט מיט דער ענטוויקלונג און ארגאניזירונג פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג. איבעראל וואו ער פלעגט קומען פלעגט ער באגעגענט ווערען ווי א פאטער און לעהרער פון וועמען מען פלעגט שעפען קוואלען פון נייע געדאנקען וואס פלעגען אין יענער צייט אזוי נויטיג זיין פאר די אונוויסענדע ארבייטער שיכטען.

ראוואצקי איז שטענדיג פארפאלגט געווארען פאר א געבילדעטען יונגען מאן און פעהיגער שטילער זשורנאליסט, זיין שטודיום און סטודענטען קאריערע האט ער נור צייטווייליג געהאט אויפגעגעבען ווייל ער האט געפיהלט ווי נויטווענדיג ער איז אין די פועלי ציון ארבייט און זיין ארבייט איז געקרוינט געווארען מיט ערפאלג. איבעראל וואו ער איז געקומען זיינען געגרינדעט געווארען נייע פועלי ציון פעראיינען און גרופען וועלכע שפילען ביי היינטיגען טאג די אנגעזעהענסטע ראלע אין דער דארטיגער ארבייטער בעוועגונג בכלל און אידישער בפרט, אבער סוף כל סוף האט ראוואצקי געמוזט פארלאזען רוסלאנד, די אזעלום און אנדערע שפיאנען האבען איהם מיט ליכט געזוכט ארײנצוכאפען אין זייערע ברוטאלע לאפעס.

עטליכע מאל ווערט ער ארעסטירט אונטער פערשיעדענערליי פערשטעלטע פרעמדע נעמען, אבער ענדליך מוז ער רוסלאנד פארלאזען כאטש איהם האט זיך דאס זעהר שטארק ניט געוואלט.

איהם האט זיך ניט געוואלט שיידען מיט דער לאנד און חברים פאר וועלכע ער האט זיך אזוי פיעל מקריב געווען אויף'ן מזבח פון פרייהייט, אבער ער האט דאס געמוזט טהאן ווייל אנדערש וואלט איהם אויסגעקומען צו פערברענגען זיינע איבעריגע יאהרען אין אײנע פון די רוסישע פעסטונגען אדער נאך ערגער. ראוואצקי פאהרט אפ פון רוסלאנד. ער איז געווען פול מיט האפנונגען, איבערצייגט דאס אין זיין נייעם וואוינארט וויען (עסטרייך) וועט ער זיין ארבייט פארזעצען דאפעלט און אזוי האט טאקי מיט איהם געטראפען. זיין מח רוהט ניט אין זיין נייעם וואוינארט.

האבענדיג א שווערען קאמף פאר זיין טעגליכען עקזיסטענץ, מוזענדיג שרייבען וויכטיגע קארעספאנדענציעס און ארטיקלען פאר די רוסישע ציוניסטישע און פועלי ציוניסטישע פרעסע, און בעזאנדערס נאך זייענדיג בעשעפטיגט מיט זיין אייגענער לעהרע, ווידמעט ער דאך פיעל צייט און ענערגיע דעם פועלי ציוניזם, צוזאמען מיט'ן פערשטארבענעם גרויסען פועלי צי'ן פיהרער און פאטער פון פועלי ציוניזם ב. בארא־כאוו, און אברהם טאטענבוים (אברהם שלא־סער) פון ווארשא גרינדען זיי דעם רוסישען צענטראל קאמיטעט אין אויסלאנד וואס האט געהאט געטאן גרויסע פערדינסטען פאר דער אויפהאלטונג און ענטוויקלונג פון דער רוסישער פועלי ציון ארבייט, איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען יענע גרויסע ראלע וואס ראוואצקי האט געשפיעלט אויף דער לעצטער אל־וועלטליכער פועלי ציון וועלט קאנפערענץ וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין קראקוי (עסטרייך) און ניט ווייניג האט מען איהם צו פערדאנקען דאס ערשיינען פון ידעם רוסלענדער אידיש וועכענטליכען פועלי ציון ארגאן „אונזער ווארט". וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין מאסקווא ערב דער גרויסער אייראפעאישער וועלט קאטאסטראפע.

„אונזער ווארט" האט זיך פערדיענט פאר די צווייטע גרעסטע אידישע ארבייטער צייטונג נאך דער בונדיסטישער צייט.

נאך'ן אויסקוק פון דער רוסלענדער ערשטער רוסישער רעוואלוציאן אין קיין רענסקים הערשאפט, האט ראוואצקי וואהרשיינליך פערלאזט עסטרייך און איז צוריק אוועק פארטזעצען זיין אלטע ארבייט אין רוסלאנד.

יעצט זעהען מיר בולט פאר אונזערע אויגען דאס גוטע ארבייט מוז פריהער אדער שפעטער אפגעשאצט ווערען.

די אוקראינישע רעגיערונג האט בעשטימט ראוואצקין פון קיעוו אלס מיניסטער איבער אידישע ענינים און עס איז צו האפען דאס זיין אמט וועט ער טריי ערפילען פאר דעם אידישען פאלק.

וואס אויף דער וועלט איז מיט מענשען קען פאסירען

טשיקאווע נייעס, וועלט פאסירונגען און גלאט זאכען וועלכע זענען ווערט צו לעזען און וויסען.

א חכם און ענגלישמאן

אן ענגלישמאן אין לאנדאן האט זעהר נויטיג געדארפט אנקומען שנעל צו א געוויסען פלאץ אין ענגלאנד מיט וועלכען ער איז ניט געווען באקאנט. אנשטאט צו נעהמען „טיים טייבעלס" און נאכפרעגען מיט גאנצע געשעפטען איז ער אריין אין פארסעל פאסט און האט זיך אנגעגעבען פאר א פארסעל אפגעשיקט צו ווערען אין יענעם פלאץ, לויט די פארסעל פאסט געזעצען פון ענגלאנד איז אזא זאך מעגליך.

די בעאמטע האבען דעם דאזיגען לעבעדיגען פעקעל אנגענומען, האבען אויף איהם אנגעקלעפט דעם אדרעס און פונקט ווי באגאזש האט מען איהם אפגעשיקט אהין לויט דער פרייז פון דריי פענס א מייל, און ווי מען טוט יעדען באגאזש היינט מען אויף איהם אנגעקלעפט א צעטעל מיט איינצעלהייטען פון וואס דער באגאזש באשטעהט. . . .

שטארבט פארקעמענדיג זיך

פאסירט האט עס אין וועלאנד מיט איניגע טעג צוריק, בעסי טריוע, די פרוי פונ'ם לאקאלען מענעדזשער פון דער בעל טעלעפאן קאמפאניע איז געפאלען טויט ווען זי האט זיך פארקעמט די האר און האט געמאכט איהר טואלעט. זי איז געווען זעהר א יונגע פרוי קוים עטליכע און צוואנציג יאהר אלט. די דאקטוירים קענען פאר קיין פאל ניט ערקלעהרען וואס אייגענטליך האט פאראורזאכט דעם טויט פון דער פרוי.

קיין פארהייראטע פרויען זענען מעהר ניט נויטיג

דער אטאווער מיליץ דעפארטמענט האט פארעפענטליכט אז קיין פארהייראטע פרויען וועלען מעהר ניט אנגענומען ווערען אלס מיליטערישע נוירסעס און אז די וועלכע געפינען זיך אין דער קענעדער ארמיי וועלען באפרייט ווערען.

אויסנאהמען ווערען געמאכט מיט אזעלכע פרויען וועלכע זענען געווארען אלמנות דורך דער צייט פון זייער זיין אין דער ארמיי, פון וואנען און פארוואס אזא גזר אויף פארהייראטע פרויען ווייס נאר איין גאט אין הימעל.

א גויעשער מזל

אז עס איז פאראן מזל זאגט די וועלט העלפען קיין חכמות ניט און אפילו דער שלימזל. אויך מזל, די גאנצע וועלט ווייס און טאראנטא בפרט אז איינמען כאפט אימיצען מיט'ן ביטערן טראפען אין אזא טרוקענער פראווינץ ווי אנטאריא וועט ער שוין טרוקען ניט אפשניידען, דאס וועט שוין זיין 200 דאלאר לכל הפחות אדער דריי מאנאטען חד גדיה, איז דאך אבער פאראן אזא זאך ווי מזל אויף דער וועלט און וו. י. קרעיג א גוי פון טאראנטא וועלכער איז אין בראקוויל אנגעקלאגט געווען אין איבערטרעטען דעם טעמפערענס געזעץ, האט אנשטאט באצאהלען נאך באקומען צוגעצאהלט עטליכע דאלאר אין קעשענע. אבער צו וואס פיליזאפירען מיר'ן בעסער דערצעהלען די געשיכטע וויאזוי עס האט פאסירט.

רעגיערונגס אינספעקטארען האבען אויף א טריין וועלכע איז געגאנגען פון מאנטרעאל נאך טאראנטא געפונען א וואליס אנגעשטאפט מיט יי"ש מען האט זיך גענומען צו די פאסאזשירען פרעגען וועמעס איז דאס וואליס האט זיך יעדער איינער דערפון אפגעשאקעלט, זאגענדיג אז עס איז ניט זייערס. געזעהען האט מען אז אויף דער סטאנציע בראקוויל איז א מאן אנטלאפען, מען האט זיך גענומען זוכען און מען האט געפונען אין וואליס בריעף אדרעסירט צו וו. י. קרעיג פון טאראנטא און עס פארשטעהט זיך אז מען האט איהם ארעסטירט, עס האט זיך אנגעפאנגען א פארהער.

דיין וואליס?

מיין וואליס.

וואו איז ער געווען?

ביי מיר אין דערהיים

די בריעף צו י. ר אדרעסירט

יא?

באצאהל דורך פאר איבערטרעטען דעם טעמפערענץ געזעץ.

איז אבער קרעיג קיין נאר ניט און באוויזט מיט עדות, אז אין יענעם טאג איז ער גאר ערגעץ ניט ארויסגעפאהרען ער איז גאר אין דער היים געווען און נאך בעסער, אז מיט א מאנאט פריהער האט מען ביי איהם דעם וואליס צוגע'גנב'עט.

אויב אזוי איז גאר אז אנדער דין און דער מעדזשיסטרייט האט געמשפט אז.

מר. קרעיג זאל באקומען 60 דאלאר פאר רפוי שבת ובושת.

בלויז אמת פיינע טעה — ענטהאלט די שארפקייט פון געשמאק און רייכקייט אין גלאז וועלכען מבינים און ליבהאבער פונ'ם דאזיגען געטראנק האלטען אזוי טייער

"SALADA"

טעה איז פול מיט אנציהענדער גוטסקייט און דערמיט ערקלעהרט זיך דער 25 מיליאנענדיגער פעקלאך פארקויף יעהרליך.

העלפט דער אימיגראנטען סאסייעטי

אלע אידישע ארגאניזאציעס, סאסייטעס, שוהלען און אזא ווייטער דארפען זיך אנשליסען אין דער היברו אימיגראנטען אייד סאסייטי פון אמעריקא אלס א גאנצע קערפערשאפט.

יעדע ארגאניזאציע קען ווערען א מיטגליעד פון דער דערמאהנטער סאסייטי ווען זי פערפליכטעט זיך צו צאהלען די סומע פון 5 דאלאר און מעהר יעהרליך.

זעהר א קליינע סומע געלד מיט זעהר גרויסע רעזולטאטען.

הונדערטע טויזענדע אימיגראנטען זיינען געהאלפען און געשטיצט געווארען טויזענדע פאמיליעס זיינען צוזאמענגעבראכט געווארען, טויזענדער מענשען וועלכע האבען געוואלט צוריקגעשיקט ווערען זיינען אריינגעלאזט געווארען אין לאנד דורך דער אונערמידליכער ארבייט פון די היברו אימיגראנטען סאסייטי.

עס קומט די צייט ווען מעהר ווי אלע מאל וועט די סאסייטי דארפען שטעהן אויף'ן וואך צו טהאן איהר פליכט פאר דעם קומענדען שטראם פון אימיגראנטען יעצט, ווען קינדער וויסען ניט פון זייערע עלטערן און פערקעהרט, און מען וועט דארפען זוכען פאטער און קינדער, ברידער און שוועסטער, מענער און פרויען וועט די ארבייט פון דער אימיגראנטען סאסייטי זיין אונבעשרייבבאר.

קענעדע אזוי גוט ווי אמעריקאנער אידען וועלען זיך מוזען באנוצען מיט דער הילף פון דער אימיגראנטען סאסייטי.

טוט דארום אייער פליכט און שליסט זיך אן אין דער היברו אימיגראנט אייד סאסייטי.

נאך אינפארמאציאן ווענדעט זיך צו ה. דווארקין 525 דאנדאס וועסט, נאציאנאלער דירעקטאר פון דער היברו אימיגראנט אייד סאסייטי.

פיטערבארא שיקט געלט פאר די מלחמה קרבנות

מר. ה. וויינבערג, טרעזשורער פונ'ם היגען מלחמה קאנפערענץ האט נעכטען ערהאלטען פון פיטערבארא דעם פאלגענדען בריעף, וועלכער איז באגלייט געווען מיט א טשעק פון 549 דאלאר און 85 סענט.

דער בריעף לעזט זיך ווי פאלגט:

זעהר געעהרטער הער וויינבערג: —

מיר שיקען אייך א טשעק פאר דער סומע פון $549.85, דאס געלט איז אין פיטערבארא געזאמעלט געווארען אינ'ם לעצטען יאהר פאר אונזערע מלחמה קרבנות. $182.75 דאלאר פון דער דאזיגער סומע איז געזאמעלט געווארען פון אן אוקשאן סייל, וועלכער איז ארא־נזשירט געווארען פאר דעם דאזיגען צוועק.

איהר וועט אזוי גוט זיין און פארעפענטליכען אז עס קומט פונ'ם פיטערבארא מלחמה רעליעף פאנד.

מיט אכטונג,

ה. קליין.

3703)



מלחמה צו שלום



נומער 10
שניידט אויס
פאר רעפערענס.

איבען צו פארקריפעלטע סאלדאטען

ווען די ערשטע קענעדער ליסטע פון אונגליקספעלע איז פארעפענטליכט געווארען האט יעדער הארץ אין קענעדע א ציטער געטון מיט'ן געדאנק — וואס וועט דאס לאנד טון צו העלפען די דאזיגע מענשען אין זייערע ליידען?

צייט דעם דאזיגען טאג האט קענעדע גאנץ שטיל אנטוויקעלט א וואונדערבארע ארגאניזאציע צו העלפען צוריקברייגען צו די כחות איהרע פארקריפעלטע סאלדאטען.

די דאזיגע ארבייט איז אונטער דער אויפזיכט פונ'ם דעפארטמענט פון סאלדאטען ציווילען „רע־עסטאבלישמענט" און איז צוטיילט אין דריי קלאסען.

סאלדאטען און ווארדס

סאלדאטען וועלכע, צוליעב זייער קראנקהייט זענען אין ווארדס אדער אין האספיטאל בעטען ווערען געלעהרענט פארשיעדענע האנט ארבייט, מען מיינט ניט דערמיט אויסצולעהרענען איהם אן ארבייט פון וועלכער ער זאל קענען מאכען א לעבען. עס איז מעהר צו צערשטרייען דעם סאלדאט ער זאל זיך מיט עפעס פארנעהמען און זיין אונבעהאלפענקייט עס גיט איהם א לייכטע איבונג. אויף אזא אופן העלפט עס איהם קומען צו זיך.

פארנעהמען זיך צו היילען קראנקע

די דאזיגע ארבייט ווערט אנגעפיהרט אין די האספיטעלער, מען מיינט דערמיט הויפטזעכליך צו העלפען היילען די פאציענטען, אבער גאנץ אפט דיענט עס אלס גרונט פאר א קורס אין אינדאסטריעלען „רע־טריינינג", דאס פאלגענדע גיט א ביישפיעל וועגען דעם וואס עס ווערט געלעהרנט אין די דאזיגע קלאסען: — מעכאנישע צייכנונג, האלץ ארבייט, שיך פאררכטען, מאשין שאפ פראקטיק, גערטענעריי, האדעוועז עופות, סיוויל סוירוויס אינסטרוקציאנען, בוך פיהרונג, סטענאגראפיע, טעלעגראפיע.

אינדוסטריעלע „רע־טריינינג"

ווען א סאלדאט איז אזוי פארקריפעלט אז ער קען זיך ניט נעהמען צו דער באשעפטיגונג וועלכע ער האט געהאט פאר דער מלחמה, לעהרנט איהם דער דעפארטמענט אן אנדער מלאכה.

פאר דער דאזיגער ארבייט באנוצט מען זיך מיט די טעכנישע שולען און אוניווערזיטעטען אין פערצעהן צענטערן איבער דער דאמיניאן, דארטען ווערען אנפאנג איבונגען געגעבען פון ספעציעל געפלאנטע קורסען, דאס העלפט א מענשען אנצופאנגען זיין ארבייט אויף אן איטעלעגענטען אופן.

די הויפט איבונגען ווערען געגעבען אין ווירקליכע פאבריקען און שעפער הונדערטע גרויסע און קליינע פאבריקאנטען האבען זיך מיט'ן גאנצען הארצען פאראייניגט אין דער ארבייט געבענדיג דעם דעפארטמענט אהן וועלכע עס איז קאסטען — די דיענסט פון זייערע סטעפס.

פינף און ניינציג פראצענט פון די וועלכע מען האט געגעבען אן אינדוסטריעלען „רע־טריינינג" קורס פון דעם דעפארטמענט זענען געווען ערפאלגרייך צו מאכען א לעבען פון זייער נייעם טרייד אדער פראפעסיאן.

די דאזיגע בענעפיטען ווערען געגעבען פון דעם דעפארטמענט צו עקס־מעמבערס פון די קענעדער, ענגלישע און אלייאירטע סאלדאטען וועלכע וואוינען אין קענעדע וועלכע זענען אין די קלאסען פאר וועלכע די דאזיגע בענעפיטען זענען פארבערייטעט

* * * * *

דורך דער צייט וואס א מאן באקומט זיין „רע־טריינינג" באקומט ער און די וועלכע זענען אפהענגיג פון איהם באקומען נעצאהלט.

צו יעדען וועלכער אינטערעסירט זיך מיט דער ארבייט פונ'ם דאזיגען רעפארטמענט אינפארמאציעס וועלען געגעבען ווערען ווען מען וועט זיך ווענדען צו — דער דעפארטמענט פון סאלדאטען סיוויל רע עסטאבלישמענט—אטאווא. 22 וויקטאריא סטריט — האליפאקס, נ. ס. לעיט האוז הילס סט. — פעדעריקטאן, נ. ב. ראיאל באנק בילדינג — מאנטרעאל. פ. קיו. רום 301 דרומאנד בילדינג קאר. סט. קעטהערין און פיעל סטריטס — קוויבעק, פ. קיו. לאנגלאים און פאראדים בילדינג — טאראנטא אנט. 185 ספעדיינא עוועניו, — קינגסטאן אנט. גאלדען לייאן בלאק — לאנדאן אנט. לאנדאן טעכניקאל סקוהל— האמילטאן אנט. קלייד בלאק — וויניפעג מאנ. נאטר דיים אינוועסטמענט בילדינג — קאלגארי, אלטא בעוורידזש בילדינג — עדמאנטאן, אלטא, וואייט בלאק — רעזשיינא סאסק. מעק קאלם היל בילד. — סאסקאטשעוואן סאסק. י. מ. ק. א בילדינג. וואנקואווער ב. ק. בארד אף טרייד בילדינג. וויקטאריא ב. ק. סענטראל בילדינג.

Director of Repatriation

FROM WAR TO PEACE

די רעפאטריאיישאן קאמיטע
אטאווא

דער פאגראם פון די טשעכא סלאוואקען

קאפענהאגען.

די עסטרייכישען צייטונגען, וועלכע זיינען נאר וואס אהער אנגעקומען דערצעהלען שרעקליכע פרטים וועגען דעם פאגראם, וואס די טשעכא סלאוואקען האבען געמאכט אויף די אידען אין דער שטאדט האלעשוי.

די סאלדאטען וועלכע זיינען אהער אנגעקומען זיינען צוערשט בעפאלען א אידישען ווייןגעשעפט און האבען זיך אנגעשכורט. א אידישער סוחר וועלכער איז ניט לאנג צוריקגעקומען אלס קאליקער פון דער ארמיי איז אויף טויט דערשאסען געווארען. א אידישער ליקער פאבריקאנט איז דערשאסען געווארען.

די גרויסע קליידער פאבריק פון דעם אידען בעער איז אין גאנצען אויסגערויבט געווארען. דער שאדען בעטרעפט דא אליין איבער א מיליאן קראנען. אלע איבריגע אידישע געשעפטען און הייזער זיינען אויך פאלשטענדיג אויסגערויבט געווארען.

ניט קוקענדיג דערויף, וואס די סאלדאטען זיינען געווען האלב שכור, האבען זיי דאך בעוויזען צו ארגאניזירען דעם פאגראם לויט אן אויסגערעכענטען און איבערלייגטען פלאן. צוערשט האבען די סאלדאטען בעזעצט דאס הויז פון דער פאליציי און מיט רעוואלווערן אין די הענד האבען זיי געצוואונגען די פאליציסטען, אז מען זאל זיי צייגען די הייזער און געשעפטען פון אידען, אלע טעלעגראפען און טעלעפאנען דראטען האבען זיי דורכגעשניטען בכדי מען זאל ניט קענען רופען הילף פון אנדערע שטעדט. אין די הייזער וואס זיי זיינען אריינגעקומען האבען זיי בעפוילען אז יענער זאל ניט ציהען צו א פענסטער זאנסט וועלען זיי שיסען. זיי האבען זייער דראהונג אין איינינע הייזער אויסגעפיהרט.

אזוי ארום האבען זיי אויסגערויבט די גאנצע אידישע בעפעלקערונג. עס איז אבער געלונגען אוועקצושיקען א שליח אין אן אנדער שטעדטעל און פון דארט האט מען טעלעגראפירט און עס איז אנגעקומען מיליטער מיט קאנאנען פון ברין, און האט דעם פאגראם אפגעשטעלט. דער גרעסטער טייל פון דער אידישער באפעלקערונג וועלכער איז געבליבען אהן א גראשען און אהן א קישען, דערשראקען און דערשלאגען האט זיך געלאזט ציפוס אין וועג אריין קיין וויען.

צעהן צו איינס זיי זענען עדדים

אז איר האט ניט קיין מעטשעס, און איר געהט אין א סטאר קויפען, 10 צו 1 האבען עדדים

די מעטש באקס ארום דעם קיטשען אויוועין מיט וועלכער איר באנוצט זיך אזוי אפט, איז אין 10 צו 1 עדדים.

איר צינדט אן פייער, אין רעם טאראן, קלוב, אדער סליפינג קאר אין 10 צו 1, וועט איר געפונען עדדים נאמען אויפן באקס

עדדים מעטשעס

ווערען געברויכט איבער גאנץ קענעדע א מעטש פאר יעדען צוועק, און יעדער מעטש פאסט זיך פאר זיין געברויך, אז איר קויפט מעטשעס זעט אז עדדים נאמען איז דא אויפן באקס. עס איז אייער גאראנטיע פאר צופריעדענהייט.

The E. B EDDY CO. Limited
HULL, Canada

פאבריצירער פון האלץ און פאפיער פראדוקטע

C3.

קעש'ס

CASH OR CREDIT

רזשועלערי סטאר

145½ קווין סטריט וועסט

טעל. אדעלייד 3588.

אזוי ווי איך האב א גרויסען סטאק דיאמאנטען רינגען גאלד וואטשעס און טשיינס שעהנע לאוועליעס, מיט ספעשיעל פרייזען, וויקטארי באנדס נעהמען מיר פאר געלד אויך אויסוואהל פון שעהנע לייכטער און אנדערע סילווערוואר און גראמאפאנס פון די בעסטע קאמפאניעס.

דער אידישער זשורנאל

אלטע ליעבעס בריעף די פאראורזאכער פון צרות

פון י. ב'ם

שרייבט אונז מר. מ. ג. פון האמילטאן, מיין פאמיליען לעבען איז ניט שלעכט. איך האב מיך אויף פרנסה ניט צו באקלאגען. געלד איז אויך פאראן און אלע פארגעניגענס וואס מיין פרוי פארלאנגט באקומט זי, אבער —

ניטא קיין גליק אלס גאנצעס, מיין פרוי האט עטליכע צעהנדליג ליעבעס בריעף פון איהר יוגענד, וועלכע א יונגער מאן האט איהר געשיקט. און וויפיעל איך זאל זי בעטען זי זאל די בריעף פארניכטען, וויל זי ניט. ווערט בייז, נערוועז, און דאס פארשאפט מיר פיעל שמערצען, אזוי דאס ביסלעכווייז פאנג איך אן גלויבען, אז מיין פרוי ליעבט דעם מאן וועלכער האט די בריעף געשריבען. אבוואהל דער אמת מוז געזאגט ווערען, דאס מיין פרוי ריהרט זיך צו די בריעף ניט צו.

לעצטענס נעהט מיין פרוי ארום פארטראכט און דאס פארשטארקט מיין חשד, אז עס האט זיך ערוועקט א בענקשאפט, נאך דעם געליעבטען. איך האב איינפאך מורא, דאס עס זאל מיך ניט טרייבען צו פערצווייפלונג. מיין פארלאנג איז דעריבער צו הערען וואס איהר האט וועגען דעם צו זאגען.

מר. מ. ג. פארלאנגט צו הערען וואס מיר וועלען איהם זאגען, און באגרייפט ניט זעלבסט וואס זיין פרוי האט צו זאגען. זעלבסט גיט ער צו דאס די בריעף ווערען ניט געלעזען. זיי ליגען צוזאמענגעבונדען. אלעס וואס זיין פרוי טוט איז, זי האלט די בריעף.

מ. ג. האט זיך אויך ניט פארטראכט וועגען די בריעף זעלבסט. זיינען זיי געשריבען פאר דער חתונה, אדער נאך דער חתונה. וואס איז דער אינהאלט פון זיי?

אזא עצה צו געבען איז ניט קיין לייכטע זאך. באשולדיגען א פרוי אין אונטרייהייט מוז מען צו ערשט אויסגעפינען אורזאכען. דארף מען איבערצייגט זיין. פאר קיין פאל אבער ניט ווען די פרוי האלט עטליכע, אלטע בריעף, וועלכע זיינען צו איהר געשיקט געווארען מיידעלווייז פיליכט.

אויב אבער דאס איז די אורזאכע פון זייערע צרות. מעג די פרוי אויך באשולדיגט ווערען, ווייל — אזעלכע בריעף האבען פאר איהר קיין נוצען, און זי דארף זיי ניט האלטען.

אמת דאס בריעף זיינען די אינטערעסאנטסטע יוגענד ערינערונגען, וועלכע דערצעהלען פון העד אמאליגער יוגענד. זיי ברענגען אבער ניט קיין נוצען פאר א פרוי, וועלכע האט מיט איהר געליעבטען ניט חתונה געהאט. דאס קען בלויז ארויסרופען צווייפעל ביים מאן, ווי עס האט יעצט פאסירט.

ליעבעס בריעף ווי אינטערעסאנט, אדער אונאינטערעסאנט זיי זאלען ניט זיין. קענען געהאלטען ווערען פון א מיידעל אזוי לאנג ווי זי איז ניט פארבונדען מיט קיינעם, אדער זי ווערט א כלה מיט איהר געליבטען. פאסירט אבער פארקעהרט, דארפען אזעלכע בריעף פארניכטעט ווערען. און ניט צוגעבען קיין מעגליכקייט דעם מאן צו פארדעכטיגען זי.

מ. ג. דארף האנדלען פארזיכטיגער, דארף זיך צוערשט איבערצייגען וועגען זיין חשד, דאמאלס ערשט ווירקען אויף זיין פרוי מיט גוטען, דאס זי זאל די נוצלאזע בריעף פארניכטען. וועלכע דערצעהלען איהר פון אן אמאליגער פאנטאזיע. זיי קענען אבער זיין די צושטערער פון דער ווירקליכקייט. די פרוי וועט דאמאלס געוויס זעהען איהר טעות און נאכגעבען זיין פארלאנג.

פאר קיין פאל לוינט אבער ניט צו צושטערען א פאמיליען לעבען דאדורך.

ביידע דארפען האנדלען פארזיכטיג אום אויסצומיידען פאמיליען צרות דורך אזא נארישקייט.

אויך די פרוי דארף דא איהר עקשנות אויפגעבען, אויב זיין פארלאנג וועט ערנסט געשטעלט ווערען, ווייל קיין נוצען וועט עס איהר געוויס ניט ברענגען.

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטער הער רעדאקטאר.

בייליגענד געפינט איהר א טשעק אויף דער סומע פון 26 דאלאר וועלכעס איהר זענט געבעטען איבערצוגעבען צום סעקרעטער פון רויטען מגן דוד די סומע איז גיזאמעלט געווארען אויף א פארטי ביי אונז פאר דעם צוועק.

האפענטליך דאס איהר וועט מיין פארלאנג ערפילען און עס איבערגעבען צום ריכטיגען פלאץ.

מיט דאנק פאראוים
לואיס לאנדאו
סעקרעטאר פון די בני ציון קאבאלט אנט.

ווערטער הער רעדאקטאר.

אין אידישען זשורנאל איז לעצטענס "פרייד אף איזראעל" סאסייטי אטאקירט געווארען פאר די צאנקערייען וועלכע קומען דארט פאר צווישען עטליכע מיטגליעדער.

ערלויבט מיר צו זאגען אז דער זשורנאל האט צו שטארק די סאסייטי אטאקירט ווייל דער געשלעג איז פארגעקומען נאך דער פארזאמלונג, וואו צוויי מיטגליעדער האבען זיך צו שלאגען. און נאך געוועזענע פרעזידענטען פון דער סאסייטי. נאטירליך איז דאמאלס די סאסייטי ניט פאראנטווארטליך און איך זעה ניט פאר וואס עס קומט די סאסייטי צו אטאקירען. די פרייד אף איזראעל, איז גוט בעקאנט צו די טאראנטאר אידען מיט איהרע פארשידענע ארבייטען צווישען דער טאראנטאר קהלה, און איך גלויב אז דער זשורנאל דארף אויסגעבעסערט ווערען.

האפענדיג דאס מעהר וועט אזעלכעס ניט פאסירען.

מיט אכטונג,
ס. אראסקין, פרעז. פון דער פרייד איזראעל.

געעהרטער רעדאקטאר פון זשורנאל

ערלויבט מיר א שטיקעל פלאץ אין [illegible]ג פאר מיין בריעף, די פרא[illegible] אס איך שרייב איז לויט מיין א וויכטיגע —

מיר די אידען פון קענעדע גרייטען זיך צו אן אלגעמיינעם אידישען קאנגרעס, וואס אבער זאלען זיין זיינע אויפגאבען? — אמת אויף דעם צווייטען פעברואר ווערט אין טאראנטא פארורפען א פארקאנפערענץ וועלכער וועט דארפען באשטימען און אנציכענען די פראגראם פון קאנגרעס — אט מאקע דערפאר איז וויכטיג אז מיר דא אין טאראנטא זאלען זיך אפגעבען א חשבון וואס ווילען מיר? און מיט וואס זאל זיך דער קאנגרעס פארנעהמען? און דאס איז נויטיג צו באהאנדלען אין דער פרעסע פון טאראנטא אום מיר זאלען זיך ניט ארומטראגען מיט פארשידענע פאנטאזיעס און חלומות איך וויל דא נאר האנדלען איין פראגע

דער ארבייטער־קאנגרעס קאנפערענץ אפגעהאלטען אין מאנטרעאל דעם 5טען יאנואר האט אנגענומען אן איינהייטליכען פראגראם פאר דעם אידישען קאנגרעס, און איינער פון זייערע פונקטע

דער קענעדער אידישער קאנגרעס זאל פאדערען נאציאנאלע רעכט פאר די אידען פון קענעדע. און ווי עס זעהט אויס וועלען זיי דאס וועלען דורכפיהרען אין לעבען.

לאמיר זעהן צו איז דא וועלכע מעגליכקייטען דאס צו דערגרייכען? —

יאהרען און יאהרען זיינען אוועק און וועלען נאך אוועקגעהן פון ביטערע קעמפע פון דער פראנצויזישער באפעלקערונג אין קענעדע פאר זייער פולע נאציאנאלע רעכט פון זייער שפראך און קולטור, און דאך האבען זיי זעהר ווייניג אויפגעטאהן אויף דעם געביט. נו ווילען מיר קומען מיט פארלאנגען נאציאנאלע רעכט, די אנערקענונג פון אונזער שפראך שולען און געריכטען. אזא זאך וואס די פראנצויזען אין קענעדע האבען נאך ניט אין דעם זין ווי מיר פערשטעהן דאס.

היינט צו וואס דאס נאריש מאכען זיך? — וואלטען מיר אידען אין קענעדע געהאט אזא לאנגע געשיכטע הינטער זיך ווי די פראנצויזען, וואלטען מיר מיט רעכט געקענט פארלאנגען נאציאנאלע רעכט מיר האבען אבער אזא זאך ניט, און מיר דארפען ניט פארגעסען אז די געשיכטע פון די אידען אין קענעדע איז נאך גאר יונג, דאן איז נאך וואס האפען אז מיר זאלען דאס קענען דורכפיהרען אין לעבען, מיר וועלען נאך דערמיט געבען א געלעגענהייט אלע אונזערע פיינד. און אזעלכע האבען מיר גענוג זיי זאלען מאכען א גוואלד אז מען מוז פארמאכען די טויערען פון קענעדע פאר אימיגראנטען. איך בין מעהר ווי זיכער זאל מען נאר אזא פראגע אויפנעהמען עפענטליך וועט עס אונז טון מעהר שאדען ווי גוטעס און דערפאר דארפען מיר זיך היטען דערפון, ווייל דאס זיינען נאר חלומות

האפענטליך אז איהר וועט מיין בריעף דרוקען פערבלייב איך

מיט דרך ארץ,
דוד שטיין.

יאסעלע ראזענבלאט'ס קאנצערט אין מאסעי האל

פון שמש

אז אידען זענען גרויסע ליעבהאבער פון נגינה האט באוויזען דער אויסערגעוועהנליך גרויסער באזוך דינסטאג אווענט ביים קאנצערט פון יאסעלע ראזענבלאט אין מאסעי מוזיק האל. איבער דריי טויזענט מענשען זענען אנוועזענד געווען, פון וועלכע פולע ניין און נייינציג פראצענט זענען געווען אחינו בני ישראל.

די בני יעקב בענעוועלענט סאסייעטי וועלכע האט דעם דאזיגען קאנצערט ארראנזשירט קומט א גרויסער יישר כח פאר ארראנזשירען דעם דאזיגען אייוענט, ווייל מען טאר ניט פארגעסען, אז דאס איז געווען א גרויסע ריזיקאלישע אונטערנעהמונג, די אויסגאבען פאר דעם זענען אזעלכע אונגעהייערע אז בלויז די זיקאנטען קענען עס אונטערנעהמען. עס איז אבער געקרוינט געווארען מיט ערפאלג, אז די טאראנטאר אידען האבען געהאט א נגנגים וועלכען עס איז ניט צו באקומען פאר געלט יעדעס מאהל וואס מען וויל עס און אז די קאסע פון דער סאסייעטי, איז רייכער געווארען מיט פילע הונדערטער דאלאר

וואס עס אנבעלאנגט דעם קאנצערט אליין איז ער באשטאנען פון א זעהר גרויסער און רייכער פראגראם, זאל אבער געזאגט ווערען גלייך פון אנפאנג, אז דער "זיסער" חזן יאסעלע ראזענבלאט איז בלויז געטליך און אונפארגלייכבאר אין בית המדרש ביים עמוד, אויף דער קאנצערט ביהנע פארלירט זיך עפעס א טייל פון דער מתיקות, דאכט זיך די זעלבע פאלצעטא מיט דער קאלאראטור. פאר וועלכען יעדער איד וואלט די נשמה אוועק געגעבען, אבער עפעס אליין ניט דאס, דאכט זיך דיזעלבע געטליכע טענער איינס "אמר רבי אליעזר", אבער דאך ניט די זעלבע, עס פעהלט, עפעס, עס פעהלט דער אידישער הארציגער קרעכץ, דער אוי, דער בויג.

יאסעלע ראזענבלאט פארגוואישט די דאזיגע היילינע טענער אויף וועלכע בלויז אידישע הערצער און נשמות זענען מבינים, און וועלכע מען קען פאר קיין פאל ניט מגייר זיין.

און וויל מען אונטערציהען א סך הכל מוז מען קומען צום שלוס, אז יאסעלע ראזענבלאט איז געטליך שטארק געהויבען דארטען, וואו ער געהט אויף זיין איינענעם אויסגעטראטענעם וועג, געהט ער אבער אוועק אן א זייט און וויל קאנקורירען מיט קארוזאן און ראסיניס "לא ראנזא" ווערט פון'ם גרויסען בארימטען חזן א שוואכער קאנקורענט.

דאס מיינט אבער ניט צו זאגען אז יאסעלע ראזענבלאט איז ניט פון די בעסערע זינגער וועלכע מיר פארמאגען, יאסעלע ראזענבלאטס טענאר איז אן איין איינציגער, א "בןיחיד" זיין פאלצעטא פארמאגט קיינער ניט, נאר יאסעלע ראזענבלאט, אזא יאסעלען האט געמאלען בלויז אונזער פארשטארבענער זיידע פון דער אידישער ליטעראטור מענדעלע מוכר ספרים, ווען ער האט באשריבען דעם "וואלד חזן", דעם סאלאווייטשיק, וועלכער קליידט זיך אן אין זיין טלית און צושיט זיינע טרעלען איבער וואלד און פעלדער פון וועלכע די בוימער און גראזען הויבען ארויס א תפלה צום איינציגען באשעפער, אזוי איז ניט אנדערש איז יאסעלע ראזענבלאט, אבער בלויז. יאסעלע דער בעל תפלה איבערגעבענדיג דעם רבונו של עולם די אידישע תפלות, די אידישע וועהטאגען צרות און יסורים אבער ניט דארטען וואו עס האנדעלט זיך וועגען שטרייכנג מוזיקאלישע געזעצען, און אקאדעמישע אנגעצויגענקייט. וואו א קוצו של יוד טאר ניט פארפעהלט ווערען.

און פיעלע אידען האבען טאקע ביי דעם דאזיגען קאנצערט געפיהלט אז זיי וואלטען בעסער געהערט יאסעלען זינגענדיג "כל נדרי" אין שוהל מיט'ן אלטען סקארבאווער ניגון, אידער דעם "כל נדרי" וועלכען ער האט געזונגען אין מאסעי מוזיק האל, פון ברוק.

יאסעלע ראזענבלאט האט געעפענט דעם קאנצערט מיט ביזעטס אן אריע און האט גלייך נאך דעם געזונגען "אב הרחמים" און "אמר רבי אליעזר". דער האל האט איינפאך געשטורמט פון אפלאדיסמענטען, יאסעלע ראזענבלאט ווייסט די קונץ פון אן ארטיסט. ער נוצט אזוי זיין שטימע, אז ער פארכישופט פשוט זיינע צוהערער וועלכע זיצען מיט פארכאפטע אטעמס פון דעם העכסטען פאלצעטא טאן, וואוהין בלויז געצעהלטע קענען דערגרייכען, לאזט ער זיך גלייך ארונטער צום נידעריגסטען טאן און פארקעהרט, אזא שטימע וויגונג פיהרט מיט זיך דעם צוהערער ווי אויף א געפעהרליכען גליטש און בלייבט פארגאפט.

מאקס פליישמאן דער יונגער קינסטלער וועלכער פארשפרעכט זעהר פיעל אין דער צוקונפט, און וועלכער איז גוט באקאנט צו דער אידישער טאראנטא האט געשפיעלט, ווינאיאווסקיס א קאנצערטא, שאפענס, נאקטורן און "היברו מעלאדים". ער האט אויך באגלייט. יאסעלע ראזענבלאט'ן ביי כל נדרי, אדער פארקעהרט, ווייל אייגענטליך איז עס געווען מאקסים נומער, נאר אזוי ווי דער עולם האט געשטורמט און האט דורכאויס פארלאנגט אז ער זאל נאך זינגען האט ער צוזאמען מיט פליישמאנען געזונגען כל נדרי.

יאסעלע ראזענבלאט האט אויסגענוצט די דאזיגע געלעגענהייט און האט געזאגט איניגע ווערטער פאר'ן יונגען קינסטלער.

עס וואקסט א גרויסער פידעל שפילער ביי אייך טאראנטאר אידען האט ער צווישען אנדערש געזאגט, בלויז איהר קענט איהם העלפען דערגרייכען צו דער העכסטער שטופע מיט אייער פינאנציעללער הילף, ווייל ער דארף נאך שטודירען און ווען איהר וועט איהם שטיצען וועט איהר מיט איהם דערנאך קענען שטאלצירען.

צוויי מאהל האט ער וועגען מאקס פליישמאנען גערעדט צום עולם, אזוי באגייסטערט איז ער פון איהם געווארען.

אקאמפאנירט האט מאקס'ן זיין קליינע שוועסטעריל אויף דער פיאנא.

מר. ראס וועלכער האט באגלייט דעם חזן אויף דער פיאנא האט געגעבען איניגע נומערן פון מענדעלסאן שאפען און אנדערע ער האט זעהר אויסגענומען

געענדיגט דעם קאנצערט האט אויך יאסעלע ראזענבלאט, זינגענדיג מאסאנעטס עלעגיע אין העברעאיש, אלי אלי. גרעטשאנינאפ'ס וויעג־ליעד, און צוויי פאלקס ליעדער.

צום שלוס וויל איך עטוואס זאגען פאר וואס די לעזער וועלען מיר מוזען ענטשולדיגען אבער דאס געהער זיך שטארק אן מיט'ן קאנצערט.

דער ארענדזשמענטס קאמיטע פון די בני יעקב קומט א גרויסער דאנק פאר איר גוטער ארבייט, מען קען איהר אבער ניט פארגעבען דאס וואס זי האט ערלויבט אויף דער קאנצערט ביהנע ארויפגעהן א מענשען וועלכער האט פארגעסען אז ער איז א צוהערער נאר האט געמיינט אז ער איז דער "קאפעלמאסטער" פונ'ם קאנצערט, און האט מיט זיינע מאדנע משונהדיגע האנדלונגען ניט איינמאהל פארטריבען דעם גוטען געשמאק וועלכען די ארטיסטען האבען געמאכט אויפ'ן עולם ער האט דירזשירט מיט'ן עולם ווען מען האט יאסעלען אפלאדירט איז איהם איניגע מאהל דעם וועג פארלאפען און האט ווי עס ווייזט אויס געזוכט אן אדווערטייזמענט אויף יאסעלע ראזענבלאטס חשבון, וועלענדיג ווייזען, זעהט חברה מיט וועמען איך חבר זיך.

בלויז אויף א אידישען קאנצערט קען מען זיך דאס ערלויבען, עס איז שוין צייט און אזא ערוואקסענער מענש האט געמעגט מעהר שכל האבען, און אויב ער האט עס ניט האט די ארענדזשמענט קאמיטע איהם געדארפט פון דארטען אראפ פיהרען. דאס איז געווען דאס איינציגע טרויעריגע ביים קאנצערט, א זאך וועלכעס מען קען ניט פארגעבען ניט דער פערזאן און נים דער קאמיטע.

גאמפערס וויל ניט העלפען די דייטשען

פאריז, יאנואר, 29.

סעמיועל גאמפערס פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אף לייבאר, וואס געפינט זיך איצט אין פאריז צו דיסקוטירען מיט פראנצויזישע, בעלגישע און ענגלישע סינדיקאליסטען די פראגע וועגען ארגאניזירען אן אינטערנאציאנאלען ארבייטער קאנגרעס האט ערקלעהרט פאר דער צייטונג „פראנס ליברע", דאס ער קען נאך ניט זאגען צו די אמעריקאנער דעלעגאציע וועט זיך באטייליגען אין דעם סאציאליסטישען און ארבייטער קאנפערענץ פון בערן. ער האט ערקלעהרט, דאס צום אלעם ערשטען וויל ער וויסען וועלכע ארגאניזאציעס זענען דארטען פארטרעטען און צו זענען איבערהויפט דארטען פארהאנען ארבייטער ארגאניזאציעס און אויך צו איז דער בערן קאנפערענץ ניט קיין רעזולטאט פון דייטשער פראפאגאנדא.

גאליציען אנגעשלאסען אן אוקראינע

לאוזאן, שווייץ, יאנואר, 29.

א רעפארט וואס איז אנגעקומען קיין שווייצעריען, מעלדעט דאס די רעגירונג פון דער גאליציאנישער רעפובליק, וועלכע באשטעהט פון טעריטאריעס וואס האבען פריהער באלאנגט צו עסטרייך, האט פראקלאמירט דאס די גאליצישע רעפובליק האט זיך פאראייניגט מיט אוקראינע.

די פראוויזארישע רעגירונג פון דער רעפובליק האט צוגעשיקט די ידיעה צו דעם שלום קאנפערענץ פון די אליאירטע רעגירונגען קיין פאריז און האט פארלאנגט אן אפיציעלע אנערקענונג ווארום דער פרינציפ פון די קליינע פעלקער אויף זעלבסט באשטימונג האט זיי געגעבען דאס רעכט צו אזא האנדלונג.

מעדיצינישער פאקולטעט היינט געשלאסען

צוליעב דער לויה פון פראפעסאר ריעוו, וואס איז געשטארבען פלוצלונג געהענדיג אין גאס וועט דער מעדיצינישער פאקולטעט היינט זיין געשלאסען. דאס איז אויס עהרע צום פארשטארבענעם ווייל ער איז אמאל געווען דער הויפט פארשטעהער פונ'ם מעדיצינישען פאקולטעט. קיין איינציגע לעקציע וועט ניט געהאלטען ווערען און סטודענטען אזוי גוט ווי פראפעסארען ווערען פארלאנגט אנוועזענד צו זיין ביי דער לויה.

פינף הונדערט טוריסטען אפגעפאהרען קיין ענגלאנד

נעכטען אווענט זענען פון יוניאן סטיישאן אפגעפאהרען ארום פינף הונדערט טוריסטען, גאנצע פאמיליען הויפטזעכליך ענגלענדער און סקאטלענדער, מיט'ן צוועק אפצופאהרען קיין ענגלאנד מיט דער ערשטער מעגליכקייט וואס איז זיי געגעבען געווארען צו באזוכען זייער אלטע היים וואס זיי האבען ניט געקאנט באזוכען די גאנצע צייט צוליעב דער מלחמה לאנג.

מאן טויט, זייגער געהט ליגענדיג אין וואסער

קאנסטיבעל קארטני האט נעכטען געפונען א מאן ליגענדיג דערטרונקען אין וואסער, נעבען איהם האט מען געפונען ליגענדיג א האלב באטעל מיט וויין און עטליכע שטיקלאך קייק און א בייטעל.

די פאליציי גלויבט דאס דער מאן איז געהענדיג אריינגעפאלען אין וואסער אריין בשעת מען האט איהם געפונען איז זיין קעשענע זייגערל נאך געגאנגען.

קענעדער רעגירונג וועט נאכטון אין דער אימיגראציאנס פראגע

אטאווא, יאנואר, 29.

די קענעדער רעגירונג ווייזט ארויס גאר א היפש ביסעל אינטערעס אין דער פראגע פון אימיגראציע, אין צוזאמענהאנג מיט דעם באשלוס וואס איז אנגענומען געווארען אין די פאראייניגטע שטאאטען ניט אריינצולאזען קיינע אימיגראנטען אין די קומענדע פיער יאהר.

די קענעדער רעגירונג האט נאך דערווייל ניט אנגענומען קיין איינציגען באשלוס, אבער עס זעהט אויס דאס אן ענליכער באשלוס וועט אנגענומען ווערען.

טשיעף ראבי הערץ בעגריסט פרעזידענט ווילסאן

לאנדאן.

ווען פרעזידענט ווילסאן איז דא געווען אלס גאסט צו דער ענגלישער רעגירונג, האט טשיעף ראבי הערץ, וועלכער איז געווען איינגעלאדען צו צוויי פונציעס לכבוד פרעזידענט ווילסאן איהם געשיקט דעם פאלגענדען בריעף:

זיין עקסעלענץ, פרעזידענט וואודרא ווילסאן.
באקינגהעם פאלאס ס. וו. 1.

ווערטהער הער:—

מארגען, זייענדיג דער אידישער שבת, וועט עס דעריבער זיין אונמעגליך פאר מיר, דער טשיעף ראבי פון די פאראייניגטע אידישע קאנגרעגיישאנס פון דער בריטישער אימפעריע, צו זיין אנוועזענד אויף דעם מיטינג אין גילד האל און סאי אויף דעם לאנטש אין דעם מענשאן האוז, איך נעהם מיך דעריבער דיזע געלעגענהייט רעספעקטפול איבערצוגעבען צו אייך די בעגריסונגען פון די קהלות וועלכע איך האב די עהרע צו פארטרעטען. זיי זיינען איבערפילט מיט בעוואונדערונג פאר אייערע הויכע אידעאלען און וועלט היסטארישע ארויסטרעטונגען, און מיט דאנק פאר אייער אמת'ע פריינדשאפט צו אידען, זיי בעגריסען אייך אלס דער גרויסער פערטיידיגער פון פרייהייט און מענשליכקייט. זיי טהוען תפלה אז אייער ארבייט און די ארבייט פון אייערע מיטהעלפער אויף'ן פריעדענס קאנפערענץ זאל מאכען א סוף צו האס און פערפאלגונגען צווישען די פעלקער, אזוי אז די נייע וועלט ארדנונג וועלכע וועט אויפשטעהן אויף די רואינען פון דער פארגאנגענהייט זאל האבען איהרע ווארצלען אין גערעכטיגקייט און זאל זיין באזירט אויף יושר און פרייהייט.

אידען פון בראנטפארד עפענען א תלמוד תורה

דאס לאנג ערווארטעטע איז געשעהן דער פלאן פון עפענען א תלמוד תורה אין בראנטפארד איז געלונגען, און נאך שווערע מיה און פיעלע ארבייט וואס די בראנטפארד קהלה האט געטון, איז לעצטענס די תלמוד תורה ערעפענט געווארען, אין דער אנוועזענהייט פון אלע דארטיגע איינוואוינער.

צו דער ערעפענונג איז ספעציעל געקומען רבי בערגער פון האמילטאן, וועלכער האט געהאלטען די ערעפענונגס רעדע, רבי בערגער האט מיט באגייסטערונג גענומען די צוהערער, וועלכע האבען מנדב געווען שעהנע נדבות, אום צו פארזיכערען דעם עקזיסטענץ פון דער תלמוד תורה.

עס איז ערוועהלט געווארען א לעהרער ראט, באשטעהענד פון מר. דזשייקאבסאן פארז. מר. זיידעל. מר. י. קאסירער, און מר. כהן.

מר. נוסבוים פרעז. פון דער שוהל, האט פארזיכערט איינצוארדנען די תלמוד תורה מיט אלע באקוועמליכקייטען, אום צו ערמעגליכען צו האבען א שעהנע אינסטיטוציע. וואו אונזער יוגענד זאל ערצויגען ווערען.

די בראנטפארדער אידען זענען ענטציקט פון דער ארבייט, וואס זיי האבען געטון, און וועלען געוויס מיט אלע מעגליכקייטען פארזעצען דאס אויפהאלטען פון דער תלמוד תורה וואס איז נאך אזוי פיעל מיה געגרינדעט געווארען.

שואל זאב גרינגארטען סעק.

מאכען א תכלית פון די דייטשע קאלאניעס

באריכטען וואס ערשיינען אין די צייטונגען באהויפטען, דאס טראצדעם, וואס דער שלום קאנפערענץ האט נאך ניט אין גאנצען באשטימט דעם שיקזאל פון די דייטשע קאלאניעס, ווערט אבער פארשטאנען דאס וועגען די הויפט פראגען איז מען שוין געקומען צו א פארשטענדניש. דיזע פארשטענדניש ענטהאלט, אז די דייטשע קאלאניעס פון סוט אפריקא זאלען איבערגעגעבען ווערען צום פארבאנד פון סוט אפריקא. די פון מזרח אפריקא דארפען איבערגעגעבען ווערען צו ענגלאנד אלס א מאנדאטאר פון דער נאציאנען ליגע. איניגע חלקים זאלען אנעקסירט ווערען צום בעלגישען טייל אין קאנגא. די קאמערונען זאלען הויפטזעכליך זיין פראנצויזיש, טאגאלאנד זאל געהערען צו ענגלאנד און פראנקרייך און די פאסיפיק אינזלען וועלען פארטיילט ווערען צווישען יאפאן, אויסטראליען און ניוזעלאנד. אדער וועלען פאראוואלטעט ווערען פון גרויס בריטאניען אין די אינטערעסען פון דער נאציאנען ליגע.

נאך 50 דאלאר

צו די עטליכע צוואנציג הונדערט דאלער, וועלכע זענען געזאמעלט געווארען אין מעסי האל זונטאג אווענד פאר די מלחמה קרבנות איז צוגעקומען נאך 50 דאלאר.

די 50 דאלאר זענען געגעבען געווארען פון מר. ב. סטאן, וועלכער האט זיך ענטשולדיגט וואס ער האט ניט געקענט בייוואוינען דעם מאסענפערזאמלונג.

עס איז צו האפען אז די יעניגע, וועלכע האבען ניט געקענט זיין ביים מאסען פערזאמלונג וועלען נאכפאלגען דעם ביישפיעל.

4418—1—29)

פאר די מלחמה קרבנות

די עזרת נשים סאסייעטי האט ביי־געשטייערט 5 דאלאר צום יובילעאום נומער פון „זשורנאל". מרס. שאפירא און מרס. פייפער האבען געבראכט די געלד אין „זשורנאל" אפיס.

3698)

אויף א פארטי זונטאג אווענד דעם 26טען יאנואר ביי מ. הארצמאן אין 694 ריטשמאנד סט איז געזאמעלט געווארען 4 דאלאר פאר מלחמה קרבנות.

3704)

ביי מר. און מרס. מארעש זאקסען 53 לעאנארד עוו. איז ביי א מזל טוב פארטי הורכ'ן אפיעל פון מר. בריקמאן געזאמעלט געווארען 10 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות, מר. גאלדשטיין האט בעצאהלט $1.50 פאר'ן אוועקטראגען דאס געלד.

3706)

מר. הערי זאקס פון פיטערבארא אנט. האט אריינגעשיקט צו רבי גארדאן 20 דאלאר. 10 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות און 10 דאלאר פאר דער ת'ת'. די 10 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות איז איבערגעגעבען געווארען אין אפיס פון „זשורנאל" און די אנדערע 10 דאלאר איז אריינגעגעבען געווארען צום טרעזשורער פון סימקאָ סט. ת"ת.

3705)

מרס. מעלעמעד פון 293 יוקליד עוו. האט געגעבען 5 דאלאר פאר דעם מושב זקנים אין זכות וואס איהר טאכטער מרס טראכטענבערג איז געזונד געווארען.

18)

דער באלטימארער רבי אין די רוסישע שוהל
אין סענטער עוועניו

הרב ר' ירחמיאל גדליהו שליט"א איז פערבעטען געווארען אויף דעם שבת פ' משפטים שבת ר"ח אין דער רוסישער שוהל און וועט דארטען דאוונען און זאגען דרשה פאר קריאת התורה און וועט דארטען פיהרען די טישען פרייטאג אווענד 7.30 איהר. שלש סעודות 4 איהר שבת אווענד, מלוה מלכה 9.30 איהר

אין דעם רבינס אכסניא איזאין 225 בעווערלי סט.



MICHAEL ANGELO'S
MUSIC SCHOOL

Studio Phone
Col. 17

Studio Room 3
450 Spadina Ave

The question has always been where could i send my child to take lessons? Or! do you know of any good Music Teachers?

THE ANSWER is here now.

Maestro Michael Angelo enjoys a wide reputation in the United States and Canada as a very experienced teacher of Violin, Mandolin, Cornet, Saxphone and any other wind or string instrument beginners to professional

Special attention is given to children

Prof. Michael Angelo